# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**ר' אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**בהר - בחוקתי**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



© 2025 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## בהר


והקימותי את בריתי - דער אויבערשטער בעט אונז, מיר זאלן זיך פירן הייליג ............... ד

ונתתי שלום בארץ - אינוועסטירן אין שלום צווישן אידן, ברענגט גרויסע פאַרדינסטן............ י

שיהא זרעי וזרע זרעי - תפילות פון עלטערן אויף גוטע קינדער.........יג


**ספה"ק בת עין**

**...וְלִבְחִינַת אֲכִילָה זוֹ צְרִיכִים לִכְסוֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק מְאוֹד** און צו די בחינה פון עסן דארף א מענטש זייער שטרעבן און גלוסטן צוקומען דערצו, **שֶׁעִיקָּר בְּרִיאַת הָאֲכִילָה הָיָה בִּשְׁבִיל זֶה** ווייל די עיקר באשאפען פון די עסן איז געווען צוליב די בחינה, **כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילָה יִהְיֶה קָשׁוּר וְדָבוּק בִּבְחִינַת קְדוּשָּׁה** כדי אז דורך די בחינה פון עסן זאל ער זיין באהאפטן צו די בחינה פון קדושה, **וּלְעוֹרֵר שִׁבְעָה מִדּוֹת עֶלְיוֹנוֹת** און צו דערוועקן די זיבן העכערע מידות.

**...הָעוֹלֶה מִכָּל מַה שֶּׁכָּתַבְנוּ** וואס ס'קומט ארויס פון אלעס וואס אונז האבען געשריבן, **שֶׁבְּחִינַת אֲכִילָה זֶהוּ עֲבֹדוֹת הַגָּדוֹל לִידָּבֵק עַל יָדָהּ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה עַל יְדֵי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אז די בחינה פון עסן איז א גרויסע עבודה וואס דורך די 'פירות פון ארץ ישראל' קען מען צוקומען צו א העכערע קדושה.

**וּבְחוּץ לָאָרֶץ בְּחִינַת שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** און אין חוץ לארץ די בחינה פון 'שבת' האט אין זיך די בחינה פון 'ארץ ישראל', **שֶׁעַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה עֶלְיוֹנָה** ווייל דורך די עסן פון שבת קען א מענטש זיך באהעפטן צו די העכערע קדושה, **כְּמוֹ עַל יְדֵי אֲכִילַת פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** פונקט אזוי ווי דורך עסן די פירות פון ארץ ישראל. **וּבְחוֹל יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה גַּם כֵּן עַל יְדֵי הָאֲכִילָה** און אויך אין דער וואכען קען א מענטש צוקומען צו די בחינה פון קדושה דורכן עסן, **עַל יְדֵי שֶׁיִּזְכּוֹר תָּמִיד בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** דורך דעם וואס דער מענטש וועט שטענדיג געדענקן די בחינה פון 'ארץ ישראל'.

**וְזֶהוּ 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'און דער אייבישטער האט גערעדט צו משהביים בארג סיני אזוי צו זאגן', **הַיְינוּ לוֹמַר לָהֶם שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי בְּחִינוֹת עֲבֹדוֹת ה'** דאס מיינט ער זאל זאגען צו די יודען אז ס'איז דא צוויי בחינות אין עבודת השם. **אֶחָד - שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בְּתוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים** די ערשטע בחינה אין עבודת השם איז אז מען דארף דינען השי"ת מיט תורה און מצות און מעשים טובים, ב' - **שֶׁצָּרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת ה' בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת גַּם כֵּן** און די צווייטע בחינה אין עבודת השם איז אז מען דארף אויך דינען דעם באשעפער מיט די גשמיות'דיגע באדערפענישן, **הַיְינוּ עַל יְדֵי אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה** דאס מיינט דורך עסן און טרינקען.

**וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת עֲבֹדוֹת הַנַּ"ל מְרוּמָּזִים בְּתֵיבַת 'הַר סִינַי'** און די צוויי אויבענדערמאנטע בחינות פון עבודת השם זענען מרומז אין די ווערטער 'בהר סיני', **שֶׁתֵּיבַת 'סִינַי' גִּימַטְרִיָּא ב' פְּעָמִים אֲדֹנָ"י** ווייל די ווארט 'סיני' איז בגמטריא צוויי מאל די הייליגע שם 'אדני', **שֶׁמּוֹרֶה עַל קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** וואס די שם אדנ"י איז מרמז אויף קבלת עול מלכות שמים. **(בהר ד"ה וידבר)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# בהר-בחוקותי

**והקימותי את בריתי - דער אויבערשטער בעט אונז, מיר זאלן זיך פירן הייליג**

**'ונתתי משכני בתוככם'** (כו, יא).

**שרייבט** דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע: דער פסוק זאָגט (תהלים עו, ס) 'אהל שכן באדם'. די הויפט דירה וואו דער אויבערשטער מאַכט רוהען זיין שכינה, איז אין די נשמות פון אידישע קינדער, 'עם קדושו'[א].

**דאָס** מיינט, אַז דער וואָס הייליגט זיך און ריינִגט זיך איז זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל רוהען אין איהם[ב]. מיט יעדע פעולה וואָס אַ איד טוט זיך צו היטן

---

**א. דער מענטש וואָס שפירט זיך חלילה דערווייטערט פון קדושה, דאַרף געדענקען אַז תשובה האָט אַ גרויסן כח מתקן צו זיין יעדן פגם, אַז עס זאָל גערעכנט ווערן גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געזינדיגט!**

אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'נתיבות המשפט' זצ"ל, אין זיין ספר 'נחלת יעקב' (אָנהייב פון פרשת בחוקותי) אויף די ווערטער פון מדרש (ויק"ר פל"ה, א) אַז די ברכות זענען געשריבן געוואָרן פון אות א' ביז ת' ('אם בחוקותי תלכו' - און ענדיגט זיך מיט 'קוממיות'), אָבער די קללות זענען בלויז 2 אותיות, עס פאַנגט זיך אָן מיט'ן אות ו' ('ואם' לא תשמעו לי'), און ענדיגן זיך מיט'ן אות ה' ('ביד משה'), און נישט נאר דאס, **עס איז איבערגעדרייט** און נישט על הסדר. דאס אונז צו לערנען, אַז אויב מען טוט תשובה וועט דער אויבערשטער **איבערדרייען** די קללות צו ברכות.

זאָגט דער 'נחלת יעקב', אַז די כוונה דערפון איז, דער אויבערשטער פירט זיך אַנדערש ווי מענטשן. ביי אַ מלך בשר ודם, אויב עמיצער האָט ווידערגעשפעניגט אינעם קעניג'ס באַפעל און דער קעניג האָט איהם באַשטראָפט, איז אפילו אויב ער שפעטער באַווייזן איבערצובעטן דעם קעניג און ער וועט זיך לאָזן איבערבעטן פון איהם, וועט ער אָבער נישט טוהן גוטס מיט איהם שפעטער, ווייל בשעת מעשה האָט ער דאָך איהם באַשטראָפט מיט רעכט, נאָר אויב עס שטעלט זיך אַרויס אַז די שטראָף איז געווען אומזיסט, ווייל מ'האָט געהאַט אויסגעטראַכט אויף יענעם אַ בלבול, דאן וועט דער קעניג איהם באַלוינען מיט שכר פאַר דעם עונש וואָס ער האָט איהם געגעבן אומזיסט. ביי דעם אויבערשטען איז אָבער אַנדערש: **אַפילו אויב די שטראָף איז געווען מיט רעכט, אָבער ווען דער מענטש טוט שפעטער תשובה, ווערן די עבירות איבערגעדרייט צו זכיות, גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געזינדיגט, און עס ווערט איהם גערעכנט גלייך ווי אַלע שטראָפן זענען געווען אומזיסט, און ממילא, קומט איהם שכר אַנשטאָט די שטראָף.** אויף דעם זאָגן חז"ל, אַז וויבאַלד די עבירות זענען געוואָרן זכיות ווען דער מענטש טוט תשובה מאהבה, ווערן די קללות ממילא איבערגעדרייט צו ברכות. ווייל פאַר דעם עונש וואָס ער האָט פריער באקומען, באקומט ער יעצט שכר, ווייל עס ווערט גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט עס באקומען אומזיסט.

**ב.** מיר זאָגן פרייטאָג צו נאַכטס אין דעם זמר 'קה רבון': 'למקדשך תוב ולקודש קודשין', וואָס די פשוט'ע כוונה פון די ווערטער איז, מיר בעטן אַז דער אויבערשטער זאָל זיך אומקערן און אויפבויען דעם בית המקדש, ווייל מיר וואַרטן און קוקן אַרויס דערויף. מ'קען אָבער אויך טייטשן בדרך מליצה, אַז דער אויבערשטער שטייט און בעט זיך ביי יעדן איד:

'למקדשך תוב ולקודש קודשין' - קום צוריק צו דיין **אייגענעם** 'בית המקדש'. דערמאַן זיך פון די פריערדיגע יאָרן, ווען דיין נשמה איז געווען ריין און ציכטיג, און דו ביזט געווען אַן אָרט וואו די שכינה הקדושה האָט גערוהט.

הגה"צ רבי אליעזר דוד פרידמאַן זצ"ל האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי יהודה'לע דזשיקובער זי"ע האָט זיך געפירט ביי שלש סעודות, צו זינגען א וואַרימע התעוררות'דיגע ניגון צווישן איין מאָל 'מזמור לדוד' און דאָס אַנדערע. איינמאָל האָט ער אָנגעהויבן זינגען פאַר זיך אַליין, 'ועינינו תראינה מלכותך', זייענדיג פאַרזינקען אין זיינע הייליגע געדאַנקען, און דער פייער פון התלהבות האָט געברענט אין איהם. אַלע זענען געווען זיכער אַז ער איז יעצט 'מרעיש עולמות' פאַר די גאולה, אָבער ווען ער האָט געענדיגט זינגען, האָט ער זיך אָנגערופן מיט זיין הייליגן פייער: 'ועינינו תראינה' - **אונזערע אויגן זאָל זעהן און פאַרשטיין.** 'מלכותך' **אַז דער אויבערשטער איז זייער 'קעניג'**... דער אויבערשטער

הייליג, מאַכט ער מיט דעם אַ נחת רוח פאַר'ן באַשעפער וואָס מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן זיינס גלייכן, ווייל דער אויבערשטער וויל דאָך רוהען אין די אידן, וואָס זיי זענען דער עיקר אָרט פון זיין משכן, און אויף דעם זאָגט דער פסוק ווייטער, 'ולא תגעל נפשי אתכם' - דער אויבערשטער בעט פון אונז, אַז מיר זאלן זיך פירן הייליג און זיין אַ הייליג פאָלק, כדי ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרעקלען אין אונז כביכול, ודי למבין[ג].

**דאָס** דאַרפן מיר טאַקע לערנען פון דעם בעל ההילולא, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע[ד] (יומא דהילולא, כ"ו אייר, 'יסוד שביסוד'), וואָס ער האָט געזאָגט אויף די

---

איז דער בעה"ב אויף אונזערע אויגן, און זיי געהערן אינגאַנצן נישט צו אונז... ממילא, **דאַרפן מיר זיך זייער היטן צו טוהן מיט די אויגן נאָר דעם רצון פון 'זייער' בעה"ב, און נישט וואָס מיר ווילן חלילה טוהן מיט זיי...**

ווילן מיר צולייגן צו זיינע הייליגע ווערטער: ווען אַ איד איז מקיים 'ועינינו תראינה מלכותך'. ער געדענקט צו באַשטימען דעם באַשעפער אַלס דער בעה"ב און קעניג איבער זיינע אויגן, נישט צו קוקן אויף שלעכטס, איז ער גורם אַז די הייליגע שכינה זאָל רוהען אויף איהם, ביז ער וועט טאַקע זוכה זיין צו 'ועינינו תראינה מלכותך'...

**ג.** דאָס איז ספּעציעל גילטיג אין די יעצטיגע ספירה-טעג, ווען מיר אַרבעטן 'לטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה'.

די גמרא (מנחות סה:) לערנט ארויס פונעם פסוק אין דער פריערדיגער סדרה, אמור (כג, טו) 'וספרתם **לכם**', אַז יעדער איינער דאַרף אליינס ציילן - 'ספירה לכל אחד ואחד'. עס זענען אַפילו דאָ פוסקים וואָס האַלטן, אַז דער מענטש קען נישט יוצא זיין מיט די ספירה וואָס זיין חבר ציילט, און מ'זאָגט נישט דערביי 'שומע כעונה' (אַזוי ווי ס'ווערט גע'פסק'ענט ביי לולב, אַז מ'איז יוצא נאָר מיט'ן אייגענעם לולב: 'ולקחתם לכם' - 'משלכם').

זאָגט דער נאָראָלער רב הגה"צ רבי חיים מאיר יחיאל זצ"ל, אַ 'באַנקיר' ציילט געלט. יעדן טאָג גייען אַדורך זיין האַנט הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן, עס קען אַמאָל אַפילו אַדורכגיין זיין האַנט אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר אָדער מער. למעשה, אָבער, ביים סוף פון חודש, בלייבט ער אין האַנט בלויז מיט זיין געהאַלט. פאַרוואָס? ווייל די אַלע הונדערטער טויזנטער דאָלאַר וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען דורך זיין האַנט, זענען נישט געווען זיינע.

דאָס זעלבע איז מיט ספירת העומר. די טעג פון ספירה זענען גאָר הויך און הייליג. עס איז אַן 'עת רצון', ווען יעדער איד קען אַרבעטן אויף זיך. מ'ציילט יעדן טאָג ספירה, און מ'אַרבעט יעדן טאָג אויף די מידות נצח, הוד וכו', דאָס איז אָבער נאָר ווען מ'ציילט דאָס **אייגענע...** אויב מ'ציילט אַ צווייטנ'ס ספירה' - דאָס הייסט, מ'ציילט ווייל אַלע ציילן... אָבער דער מענטש גופא האָט נישט קיין שייכות מיט'ן ציילן, די באַגריפן פון 'חסד', 'גבורה', 'תפארת' א.א.וו., האָבן נישט קיין 'שייכות' מיט **איהם גופא**, האָט ער דאָך געציילט אַ צווייטנס. נאָר אויב מ'אַרבעט אַליין זיך מתקן צו זיין איידער מ'גייט נעמען די תורה אין יום טוב שבועות, בלייבט עס ביי איהם אין האַנט.

**ד.** ס'איז דאָך גוט באַקאַנט די גוואַלדיגע קדושה פון דעם צדיק יסוד עולם רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע. מיר האָבן שוין דערציילט, סוף ימיו ווען ער איז געווען נישט געזונט ל"ע, און דער גאַנצער גוף איז געוואָרן פול מיט וואַסער, איז ער געלעגן אין בעט מיט גרויסע יסורים רח"ל. דער הייליגער פנים איז געווען רויט ווי פייער און די אָדערן פון מוח האָבן זיך אַרויסגעהויבן. איינמאָל איז געקומען דאָקטאָר קוק, אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר אין ירושלים וועלכער האָט באַהאַנדלט אַסאַך פון די דעמאָלסדיגע גדולי הדור, און ער האָט איהם געזאָגט אַז מ'קען פאַרלייכטערן זיינע יסורים מיט אַ 'קליינִיגקייט', דורך דעם וואָס מ'וועט אַריינשטעקן אין גוף אַ כלי וואָס זאָל אַרויסנעמען דאָס וואַסער וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אינעם הייליגן קערפּער, האָט רבי שלמה'קע געפרעגט וואו מ'דאַרף דאָס אַריינלייגן. ווען דער דאָקטאָר האָט געזאָגט וואו מ'דאַרף עס אַריינשטעקן, האָט דער הייליגער צדיק געזאָגט, 'נישט אין דעם קערפּער'. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן וואָס דער דאָקטאָר זאָגט אַז ער וועט עס מאַכן מיט הענטשקעס אויף די הענט, נאָר ער איז ווייטער געלעגן און זיך געוואָרפן פאַר יסורים רח"ל ביז זיין הייליגע נשמה איז אַרויס פונעם גוף בקדושה ובטהרה, זי"ע.

הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט, ריכטיג אַז על פי הלכה האָט מען זיך געמעגט מטפל זיין מיט זיין גוף ווייל עס איז דאָך געווען אַ מצב פון 'פיקוח נפש', פונדעסטוועגן, האָט דער הייליגער צדיק אָבער מקיים געווען די ווערטער פון חז"ל (נדה יג:) 'מוטב תיבקע כריסא ולא ירד לבאר שחת', **כפשוטו ממש**, ביז צו אַ מצב פון מסירות נפש בפועל ממש.

ווערטער פון די גמרא (ביצה טז.) 'כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה', אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן נאָר אויף פּרנסה, 'מזונות' כפשוטו, נאָר עס גייט אַרויף אויף אַלע הנאות וואס א מענטש האט אויף דער וועלט. אַלעס איז אַריינגערעכנט אין דעם וואָס עס ווערט באַשטימט פאַר איהם אין הימל אין ראש השנה. און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך זיין געזונט און אַנדערע גשמיות'דיגע באַדערפענישן, ווערן באַשטימט אין ראש השנה, און זענען אין כלל פון 'מזונותיו'. ממילא, אויב דער מענטש געניסט פון דער וועלט מער ווי די מאָס, גייט אַראָפּ פון די קצבה פון זיין הנאה אויף אַן אַנדער אָרט. דאַקעגן, זענען אויך אַלע יסורים

---

## מן הבאר

דער 'בית ישראל' האָט געזאָגט אַמאָל וועגן הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, אַז **ס'איז אַ 'מצוה' צו רעדן וועגן זיין 'יראת שמים'**, כדי מעורר צו זיין אין אונז די שאיפה 'מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי', און אַפילו מיט אַ קליינע נגיעה. אויך האָט דער 'בית ישראל' געזאָגט, אַז צו **אַרויפגיין צום הייליגן 'ציון' פון הרה"ק ר' שלמה'קע איז אַ סגולה פאַר יראת שמים**, וויבאַלד דער צדיק איז נפטר געוואָרן מתוך קדושה און יראת שמים, און אויך דער 'בית ישראל' אַליין האָט זיך געפירט אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך די הסתלקות פון רבי שלמה'קע (ביז'ן יאר תש"ח) צו גיין אין טאָג פונעם יאָרצייט, צום 'ציון' פון זוועהילער רבי'ן זי"ע אויפ'ן הר הזיתים (שפעטער, האָט מען שוין נישט געקענט גיין, ביז תשכ"ז).

הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: די 'קדושת היסוד' פון רבי שלומ'קה, איז אזוי ווי די קדושה פון די תנאים והאמוראים'...

---

מ'האָט געזעהן די גרויסע הערצה צום הייליגן צדיק רבי שלמה'קע זי"ע, אַפילו ביי די ראשי ישיבות פון די ליטווישע קרייזן.

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט די ווערטער וואָס דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון מדרש (ויק"ר פכ"ד, ט) אויפ'ן פסוק (ויקרא יט, ב) 'קדושים תהיו', 'יכול כמוני, תלמוד לומר כי קדוש אני'. איז שווער, איז מעגליך פאַר אַ מענטש צו טראַכטן אַז ער קען זיין הייליג אַזוי ווי דער אויבערשטער כביכול, אַז מ'זאָל דאַרפן לערנען פון פּסוק 'כי קדוש אני' - 'קדושתי למעלה מקדושתכם'?

האָט רבי חיים שמולעוויץ געזאָגט: **'ווער עס האָט אָבער געקענט דעם זוועהילער רבי'ן, פאַרשטייט גוט די 'הוה אמינא', 'יכול כמוני'**... ווייל מ'האָט געזעהן ביי איהם אויף אַ קלאָרן אופן, צו וואָס פאַר אַ מדריגות אין קדושה ס'קען צוקומען אַ איד וואָס לעבט אויף דער וועלט...

אַ מורא'דיגע מעשה, האָבן מיר געהערט פון אַ איד אַ צדיק: אַלס בחור האָט ער, צוליב אַ געוויסע סיבה, געדאַרפט פאַרלאָזן די ישיבה אין ירושלים וואו ער האָט געלערנט, און ער איז געגאַנגען פרעגן הרה"ק רבי שלמה'קען אויב ער זאָל גיין לערנען אין אַ געוויסע ישיבה אין **תל אביב**. איז רבי שלמה'קע געגאַנגען זיך טובל'ען אין מקוה, כדרכו בקודש, און דערנאָך האָט ער געזאָגט אַז ער קען נישט ענטפערן אויף די שאלה פון דעם בחור...

צוויי יאָר שפּעטער, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געבעטן זיין משמש בקודש הרה"צ רבי אליהו ראָטה זצ"ל, ער זאָל זיך אינטערעסירן וואָס עס איז געוואָרן מיט יענעם בחור, און וואו ער האַלט אין רוחניות. האָט רבי אליהו זיך נאָכגעפרעגט, און ער האָט געהערט אַז דער בחור איז יאָ געפאָרן צום סוף לערנען אין תל אביב, און ער איז דאָרט שטאַרק אויסגעשטיגן אין תורה און יראת שמים. האָט רבי שלמה'קע געזאָגט: 'דו האָסט מיר מחיה געווען', ווייל ווען ער איז בשעתו געגאַנגען אין מקוה זיך טובל'ען, האָט ער 'געזעהן' אַז דער בחור וועט האָבן הצלחה אין די ישיבה אין תל אביב, אָבער ער האָט איהם נישט געקענט ענטפערן אַז ער זאָל פאָרן, ווייל **'איך האָב עס נישט געקענט נעמען אויף מיינע פּלייצעס', צו שיקן אַ בחור קיין תל אביב...**

זעהען מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. עס איז דאָך באַקאַנט אַז הרה"ק רבי שלמה'קע האָט אַרויסקומענדיג פון מקוה, געענטפערט אויף פראַגן וואָס האָבן נוגע געווען צו 'דיני נפשות' כפשוטו. ער איז דאָך געווען ממש אַן 'אורים ותומים', אָבער אַזאַ זאַך, צו געבן פאַר אַ בחור אַ 'היתר' צו פאָרן לערנען אין תל אביב, האָט ער נישט געקענט נעמען אויף זיך...

ח"ו וואָס דער מענטש דאַרף אַריבערגיין באַשטימט געוואָרן אין ראש השנה.

לויט דעם יסוד, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע שטענדיג מעורר געווען אַז יעדער איד דאַרף זיך פירן הייליג, זאַגענדיג, נישט נאָר מצד העבודה דאַרף דער מענטש זיך צוריקהאַלטן פון הנאות עולם הזה - באיסור, אָדער אַפילו בהיתר, נאָר 'עצה טובה קא משמע לן', אַז אויך 'געשעפטליך', ביזנעס גערעדט' איז פיל בעסער פאַר דעם מענטש נישט איבערצוטרייבן מיט'ן געניסן פון דער וועלט, ווייל אויב דער מענטש האַלט זיך צוריק פון געניסן מער ווי די מאָס, וועט איהם זיין זיס אויף אַן אַנדער אָרט, מיט פיל בעסערע הנאות[ה], און ער וועט נישט דערלייגן אַפילו אַ 'כהוא זה', ווייל דער אויבערשטער וועט איהם צוריקגעבן מיט הייליגע הנאות, אויף אַ דאָפּלטן אופן[ו], און אַפילו מער.

(ספר 'מים רבים', מאמר 'יסוד צדיק', על סדר הש"ס, מסכת ברכות)

**הרה"ק** רבי שלמה'קע זי"ע האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם ווערן די ווערטער 'קדושה' און 'קְדֵשָׁה' (דאָס פאַרקערטע פון קדושה) אויסגעשריבן מיט די זעלבע אותיות, אונז צו לערנען, אַז דער וואָס איז מוותר אויף

---

**ה.** אַ איד פון ירושלים וועלכער האָט ליידער קינדער נישט געהאַט קינדער ל"ע, האָט זיך מזכיר געווען פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע געהאָלפן צו ווערן מיט אַ ישועה. האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- דו שטייסט יעדן טאָג אין מקוה, און דו פירסט דאָרט 'פאַרזאַמלונגען' מיט 'נייעס' פון דער גאַנצער וועלט. **דו האָסט פון דעם אַזאַ גרויסע הנאה, אַז דו טוסט ליידער 'אויפעסן' מיט דעם אַלע הנאות וואָס זענען פאַר דיר באַשטימט.** אין דעם כלל איז אויך אַריינגערעכנט דער ענין פון זרע של קיימא. אויב דו וועסט אויפהערן צו רעדן 'נייעס' אין מקוה, וועסטו זעהן ישועות.

וכן הוה, דער איד האָט אויפגעהערט צו שטיין און 'פלאַטקען' די נייעס אין מקוה יעדן טאָג, און ער איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד.

**ו.** דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל ברענגט (אין זיין ספר 'נפלאים מעשיך'), אַ מעשה מיט אַ בחור **אַ ירא שמים**, וואָס ער פלעגט גיין יעדע נאַכט נאָך חצות, לערנען מיט זיין ראש ישיבה און די חברים. אויפ'ן וועג צווישן זיין הויז און די ישיבה, האָט געוואוינט אַ יונגע אלמנה וועלכע איז געווען זייער רייך, און זי פלעגט שלאָפן מיט די משרתת אין אַ צימער וואו עס איז געלעגן איר גאַנצער רייכטום, אין אַ קאַסטן פול מיט גאָלדענע רענדלעך און אַנדערע אוצרות.

איין נאַכט, ווען דער בחור איז פאַרביי געגאַנגען איר הויז, האָט ער געזעהן אַז די טיר איז ברייט אָפען. זיין יצר הרע האָט זיך געשטאַרקט אויף איהם, און ער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז, און געזעהן ווי די רייכע באַלעבאָסטע און איר משרתת זענען פאַרזינקען אין אַ טיפן שלאָף. האָט דער בחור פרובירט אויפצוברעכן דעם 'סעיף', און פון דעם קלאַפּ, האָבן די באַלעבאָסטע און איר באַדינערין זיך ערוועקט פון שלאָף. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט אָנצושרייען דעם 'גנב', אויס מורא אַז ער איז אפשר אַ באַוואָפּענטער רויבער... (אין דער נאַכט-פינצטערניש, האָבן זיי נישט געזעהן גענוי ווער דאָס איז). דער בחור אַליין, האָט זיך אָבער באַרעכנט, און זיך באַטראַכט אַז מיר ווייסן דאָך אַז 'אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו'. דער מענטש קען נישט צורירן צו אַ זאַך וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אַ צווייטן מענטש. ממילא, איז ממה נפשך, אויב דאָס געלט איז באַשטימט פאַר מיר פון הימל, איז דאָך נישט קיין שום ספק אַז ווען עס וועט קומען די צייט, וועט עס אָנקומען צו מיר, ווייל דער אויבערשטער וועט דאָך נישט באַשטראָפן איינעם וואָס האַלט זיך צוריק פון אַן עבירה און האָט נישט גענומען עפּעס וואָס געהערט נישט צו איהם... און אויב דאָס געלט איז נישט באַשטימט פאַר מיר, וועל איך עס צום סוף סיי-ווי נישט האָבן, עס וועט גיין חלילה אויף דאָקטוירים אָדער אויף 'פדיון שבויים' ה' ישמרנו... ממילא, 'מה לי ולצרה הזאת'. און ער האָט טאַקע צוריק אַריינגעלייגט דאָס געלט אינעם 'סעיף', און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

פאַרטאָגס, ווען די אלמנה איז אויפגעשטאַנען און געזעהן וואָס פאַראַ נס עס האָט פּאַסירט מיט איר, אַז דער גנב איז שוין געשטאַנען ביי א אפענע 'סעיף' און ער האָט נישט צוגערירט צו מיינע אוצרות, איז דאָך 'לאו בכל יומא מתרחיש ניסא' - נישט יעדן טאָג פּאַסירן אַזאַלכע ניסים, וועל איך חתונה האָבן, און אַזוי וועל איך און מיין געלט זיין אָפּגעהיטן מיט אַ גוטע שמירה פון הימל.

די הנאות וואָס טויגן נישט 'קְדֻשָׁה', האָט נישט שאָדן די הנאה, נאָר ער קען האָבן די זעלבע הנאה ווען עס קומט צו 'קדושה', און אַפילו ווי אַ 'תוספת מרובה על העיקר', ווייל דער באַשעפער, וואָס אַלע הנאות זענען זיינע, זאָגט צו דעם מענטש: אויב דו ווילסט געניסן פון דיין לעבן, זאָלסטו זיך נישט ווענדן צו שלעכטע תאוות, נאָר ווען דו וועסט זיך ווענדן צו מיר, וועל איך דיר געבן און ערפילן מיט אומענדליכע פאַרגעניגענס'.

לויט דעם, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע געטייטשט די ווערטער פון דער גמרא (ברכות כח:) וואָס רבי נחוניא בן הקנה האָט געזאָגט ווען ער האָט געלויבט דעם אויבערשטען: 'מודה אני לפניך ששמת חלקי מיושבי בית המדרש... אני עמל והם עמלים, אני עמל ומקבל שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר'. איך האָרעווע און זיי האָרעווען. דער חילוק איז, אַז איך טוה זיך פלאָגן און איך באַקום שכר דערפאַר, און זיי (די 'יושבי קרנות') אַרבעטן שווער און באַקומען נישט קיין שכר.

**האָט** הרה"ק רבי שלמה'קע געפרעגט, ווי אַזוי האָט רבי נחוניא בן הקנה געקענט זאָגן 'והם עמלים ואינם מקבלים שכר'? מענטשן וואָס אַרבעטן ביי אַ צווייטן, באַקומען דאָך זייער געהאַלט אויפ'ן אָרט, אָבער מיר באַקומען אונזער שכר (פאַר'ן קיום המצוות) ערשט אין עולם הבא, ווי די גמרא זאָגט (עירובין כב.) 'היום לעשותם' (דברים ז, יא), 'ולמחר לקבל שכרם'.

**האָט** רבי שלמה'קע זוועהילער געענטפערט, אַז אויף יעדע זאַך איז דאָ אַ חשבון. דער 'בעל החשבון', דער אויבערשטער ברוך הוא, ווייסט ווי אַזוי צו רעכענען, ווייל צו דעם דאַרף מען זיין אַ גרויסער מומחה, און מ'זועגט אַלע הנאות אַנטקעגן די יסורים לויט די נאַטור פון דעם וואָס באַקומט אַ הנאה אָדער ער ליידט חלילה. אין דעם כלל איז אַריינגערעכנט קינדער, דאָס אייגענע געזונט און דאָס געזונט פון די בני בית, און זיינע פאַרמעגנס, און פון יעדן פרט וואָס דער מענטש קען געניסן און הנאה האָבן פון זיי, און אַזוי אויך פון יעדער זאַך וואָס ער קען האָבן צער דערפון, און פון יעדע זאַך וואָס ער באַמיט זיך דערביי און ער ליידט יסורים פון זיינע געשעפטן, אַלעס איז אַריינגערעכנט אין די מאָס פון 'חסרון'[ח], אוןביידע מדות, 'הנאה' און 'חסרון', ווערן גערעכנט מיט אַ מאָס און אַ צאָל.

---

געטראַכט און געטוהן. זי איז אַריבערגעגאַנגען צום ראש ישיבה, און איהם דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר, אַז זי האָט שיער נישט פאַרלוירן איר גאַנצן פאַרמעגן, און זי וויל דעריבער חתונה האָבן מיט אַ וואוילן בחור פון ישיבה. בשעת זי איז געווען ביים ראש ישיבה אין צימער, איז דאַן פונקט געזעסן אין ישיבה נאָר דער דערמאנטער בחור, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מתמיד און איז געזעסן און געלערנט. האָט דער ראש ישיבה איר אָנגעוויזן אויף דעם בחור און געזאָגט: 'נעם איהם, ווייל ער איז אַ גרויסער ירא שמים'...

דער 'בן איש חי' פירט אויס: דאַן האָט דער בחור געזאָגט, אוי, איך האָב דאָך אַזוי גוט געזאָגט נעכטן ביינאַכט, אַז אויב דאָס גאַנצע געלט וואָס ליגט דאָ אין הויז פון די אלמנה איז אָנגעגרייט פון הימל פאַר מיר, וועל איך זיי נעמען בהיתר, און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט...

לדידן ייאמר, ווען אַ מענטש שטייט חלילה אונטער אַ שווערן און ביטערן נסיון, דאַרף ער געדענקען, מיר זענען דאָך מאמינים בני מאמינים אַז אַלעס איז באַשטימט פון אויבן, און **אויך די הנאה פון אַן איסור קען דער מענטש זיך נישט אַליין נעמען אויב עס איז נישט באַשערט פאַר איהם די הנאה.** ממילא דאַרף מען זיך מתבונן זיין, איז דען מעגליך אַז אויב איך וועל נישט נעמען פאַר זיך די הנאה וואָס מ'טאָר נישט געניסן, וועל איך דורך דעם האָבן שאָדן די עצם הנאה? זיכער אז נישט! פון הימל וועט מען עס מיר אַוודאי משלים זיין אויף אַ היתר'דיגן אופן, אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן, און אַפילו אַ גרעסערע הנאה, ווייל דער אויבערשטער וועט מיר גאָרנישט שולדיג בלייבן...

**ז.** דער טריסקער מגיד זי"ע האָט געזאָגט, ווי שיין איז די וועלט ווען מ'קוקט אַראָפּ אויף איר פון אויבן, און ווי מיאוס איז זי ווען מ'קוקט אויף איר פון אונטן. דאָס מיינט, עס איז גוט פאַר דעם מענטש ער זאָל קוקן אויף דער וועלט 'פון אויבן' – פונדרויסן, ווען ער איז נישט פאַרזינקען אין די נאַרישקייטן פון דער וועלט, און ווי מיאוס איז עס ווען דער מענטש איז אינגאַנצן פאַרזינקען אין דער וועלט און אירע נאַרישקייטן...

**ח.** ווען אַן אייניקל פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע (די רעביצין פון זיין אייניקל, חו"ז הרה"ק רבי מרדכי'לע זוועהילער זי"ע) האָט געוואַרט אַ קינד, איז איר געווען שווער צו גיין אויף די פיס, ווייל אירע שיך זענען שוין געווען

**ממילא**, אויב דער מענטש געניסט אַמאָל מער ווי די מאָס, וועט ער אַנטקעגן דעם דאַרפן האָבן אַביסל צער. דער מענטש האָט אָבער אַ בחירה, אריינצונעמען די גאַנצע טירחא און האָרעוואַניע און די קדושה, און מיט דעם האָט ער שוין יוצא געווען די גזירה פונעם אויבערשטען, ווייל דער וואָס האָט צער צוליב אַ דבר שבקדושה, וועט נישט דאַרפן ליידן אַנדערע סאָרטן יסורים ח"ו, און אין צוגאָב דערצו, וועט ער באַקומען שכר אויף יענער וועלט פאַר זיין בחירה אויסצואוויילן דעם גוטן וועג, מה שאין כן אויב ער טוט אויסוויילן זיך צו פארגינען מיט גשמיות'דיגע זאַכן, און ער נעמט אויף זיך אַלע טירדות און פגעים, וועט ער דורך דעם נישט באַקומען אַ ספעציעלן שכר אויף יענער וועלט.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון רבי נחוניא בן הקנה, 'הם עמלים ואינם מקבלים שכר'. זיי באַקומען נישט זייער לוין פאַר זייער האָרעוואַניע, ווייל דער דאָזיגער פאַרדינסט איז דאָך סיי-ווי געווען באַשטימט פאַר זיי איידער זיי האָבן זיך געפלאָגט מיט עניני עולם הזה, אָבער מיר באַקומען שכר פאַר'ן עצם אויסוויילן דעם גוטן וועג, אויסער וואָס מיר באַקומען די הנאות וואָס זענען פאַר אונז באַשטימט געוואָרן.

**מיט** דעם טייטשט ער אויך די תפילה 'למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה, ברוך הגבר אשר יבטח בה''. ווען דער מענטש האָט בטחון אין באַשעפער, און ער גלייבט אַז אויך אויב ער וועט האָרעווען אַ גאַנצן טאָג, וועט ער נישט פאַרדינען מער ווי ס'איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן פון הימל, וועט ער נישט אַרבעטן אומזיסט. אויך אויב דער מענטש זעהט אַז זיין חבר איז געפאָרן קיין אויסלאַנד און ער איז דאָרט געוואָרן רייך, איז דאָך מעגליך אַז עס איז פאַרטוישט געוואָרן פאַר איהם אויף אַן אַנדערן פאַרגעניגן.

און ער האָט אויסגעפירט: 'דער סך הכל איז, אַז אויף אַלעם איז דאָ אַ חשבון און די וועלט איז נישט הפקר. דער וואָס וויל, זאָל נעמען, אָבער צום סוף וועט ער באַצאָלן דערפאַר', אָבער דער וואָס ווילט אויס זיך צו פלאָגן אויף די תורה, מאַכט מען איהם לייכטער אלע אַנדערע סאָרטן פלאָג און יסורים וואָס זענען איהם באַשטימט געוואָרן, אַלס שכר פאַר זיין אויסוויילן דעם גוטן וועג. אָפט מאָל, שפּאָרט ער זיך איין די יסורים דורך דעם וואָס ער איז טוט מיטפילן מיט'ן צער פון זיין חבר, ווערט ער פטור פון זיין אייגענעם חוב, ווייל אין הימל איז נישט קיין חילוק צי דער צער איז זיינס אָדער אַ צווייטנס. סוף כל סוף, האָט ער דאָך געהאַט צער, ע"כ.

**אויך** האָט ער געזאָגט אַ כוונה אין די ווערטער פון די משנה (אבות פ"ו, מ"ח) רבי שמעון בן יהודה זאָגט, הנוי והכוח והעושר והכבוד והחכמה והזקנה והשיבה והבנים, נאה לצדיקים ונאה לעולם, רבי שמעון בן מנסיא אומר אלו שבע מידות שמנו חכמים כולן נתקיימו ברבי ובבניו'. רבי און זיינע קינדער האָבן געהאַט די אַלע דערמאַנטע מעלות וואָס די חכמים האָבן אויסגערעכנט אַז עס איז שיין פאַר די צדיקים און שיין פאַר די וועלט.

**פון** דער אַנדערער זייט, געפינען מיר אין דער גמרא (כתובות קד.) אַז איידער רבינו הקדוש איז נסתלק געוואָרן האָט ער אויפגעהויבן זיינע צען פינגער צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם, פאַר דיר איז אַנטפּלעקט און באַקאַנט אַז איך האָב זיך געפלאָגט מיט מיינע צען פינגער אויף די תורה און איך האָב נישט גענאָסן פון דער וועלט אפילו מיט'ן קליינעם פינגער. איז דאָך דאָס לכאורה אַ סתירה צו דעם וואָס עס שטייט אין די אויבן-דערמאַנטע משנה אַז רבי האָט הנאה געהאַט פון אַלע 'זיבן מידות' וואָס די

---

צעריסן. אַמאָל האָט זי געוויזן פאַר דעם גרויסן זיידן אירע צעריסענע שיך (טראַכטנדיג, אַז אויב ער וועט זעהן אירע שיך, וועט ער איר געבן געלט צו קויפן פאַר זיך נייע שיך, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי אַ צווייטן). **למעשה**, האָט אָבער רבי שלמה'קע איר געזאָגט:

- זייער גוט... דו זאָלסט ווייטער גיין מיט די צעריסענע שיך. אָט **דער קליינער צער וועט דיר איינשפּאָרן דעם צער ביים געבורט פונעם קינד...**

די רעביצין פלעגט טאַקע אַלע יאָרן זאָגן, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ לייכטן געבורט ווי ביי יענעם קינד.

חכמים האָבן אויסגערעכנט אַז זיי זענען 'נאה לצדיקים, ונאה לעולם'?

**האָט** הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע געענטפערט, אַז אדרבה, איין זאַך איז משלים דאָס אַנדערע, ווייל ווי געזאָגט, האָט דאָך יעדער איד אַ באַשטימטע קצבה וויפיל הנאה ער זאָל האָבן אין משך פון זיין לעבן, און אַזוי אויך פאַרקערט. קומט אויס, אַז אויב דער מענטש האָט באַקומען אַ געוויסע זאַך נאָר ער האָט נאָך אַליין נישט גענאָסן דערפון, ווערט איהם גערעכנט גלייך ווי ער האָט עס נאָך נישט באַקומען, און דאַן גיט מען איהם אַן אַנדערע זאַך וואָס איז חשוב'ער ווי דאָס פריערדיגע - אפשר וועט ער געניסן פון דעם, און אויב ער האָט געניסט נישט אויך פון דעם, גיט מען איהם נאָך אַ זאַך... און אַזוי ווייטער און ווייטער.

לויט דעם איז זייער פאַרשטענדליך, וויבאַלד רבי האָט נישט הנאה געהאַט פון דער וועלט אַפילו מיט'ן 'קליינעם פינגער', האָט מען איהם כסדר געמוזט צוגעבן נאָך און נאָך הנאות כדי ער זאָל הנאה האָבן, און אַז ער האָט נישט אויסגענוצט אויך די נייע צוגעקומענע הנאות, האָט מען איהם ווידער מוסיף געווען נאָך הנאות... קומט אויס, אַז טאַקע דערפאַר ווייל רבי האָט נישט הנאה געהאַט פון דער וועלט אַפילו מיט'ן קליינעם פינגער, דייקא צוליב דעם האָט ער זוכה געווען צו אַלע דערמאָנטע מעלות שמנו חכמים[ט].

**ונתתי שלום בארץ - איינוועסטירן אין שלום צווישן אידן, ברענגט גרויסע פאַרדינסטן**

**אין** דער היינטיגער סדרה (כו, ה-ו) לייענען מיר: 'ואכלתם לחמכם לשובע וישבתם לבטח בארצכם, ונתתי שלום בארץ' וגו'. זאָגט רש"י, 'שמא תאמרו, הרי מאכל,

**ט.** אַ איד וואָס האָט לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף אַ ישועה בזרע של קיימא, האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, אַז ער האָט פאַרלוירן אַ גרויסע סומע געלט, איז ער געקומען בעטן דעם זוועהילער רבי'ן, ער זאָל פאַר איהם פועל'ן אַ ישועה, און ער זאָל געפינען דאָס געלט. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- ניין, איך וועל דיר ענדערש אָנווינטשן דו זאָלסט נישט **געפינען** דאָס געלט, און אנשטאט דעם, זאָלסטו **'געפינען'** אַ בן זכר...

וכן הוה. דער איד איז געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר, און צום יאָר האָט ער געפראַוועט דעם ברית פון זיין ניי-געבוירענעם יונגעלע...

אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, איבער אַ גרויסן געלט שאָדן וואָס ער האָט געליטן ווען ער האָט פאַרלוירן זיין גאָלדענעם זייגער. האָט רבי שלמה'קע איהם געפרעגט צי ער האָט לעצטענס געהאַט אַ ספעציעלע 'הנאה' פון אַ געוויסע זאַך, אָדער צי ער האָט זיך געקויפט עפּעס וואָס איז אין גדר פון 'מותרות'. האָט דער איד געענטפערט, אַז ער האָט לעצטענס געקויפט פירהאַנגען (וואָס האָט אין יענע צייטן געהייסן אַ 'לוקסוס' אַרטיקל). האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

**- דו האָסט 'פאַרשוועדנעט' דעם טייערן זייגער, אויף די פירהאַנגען...**

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען אין דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס, און ער איז דאָרט איינגעשטאַנען ביי אַ קרוב, הגה"צ רבי אלעזר אַדלער זצ"ל, וועמענס רעביצין, אַן אייניקל פון הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, איז דאַן שוין געווען אַרום נייַנציג יאָר אַלט. זי האָט דערציילט פאַר כ"ק אאמו"ר זצ"ל, אַז אַ קורצע צייט נאָך איר חתונה, האָט זי נישט גוט געפילט און די דאָקטוירים האָבן געטראָפן ביי איר די ביטערע מחלה רח"ל. די דאָקטוירים האָבן איר ליידער נישט געגעבן צופיל האָפענונג צו לעבן. זיי האָבן איר בלויז 'געגעבן' געציילטע וואָכן אויף דער וועלט. איז זי שנעל אַריבערגעגאַנגען צו איר הייליגן זיידן, הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, און זיך אויסגעוויינט פאַר איהם איבער איר ביטערן גורל. האָט רבי שלמה'קע איר געזאָגט אַז זי זאָל נעמען אויף זיך דריי זאַכן: **א.** צוויי יאָר צייט, זאָל זי נישט אָנטוהן קיין גאָלדענע אָדער זילבערנע צירינג. **ב.** זי זאָל נעמען אויף זיך, אַז אין משך פון איר גאַנצן לעבן וועט זי קיינמאָל נישט קושן קיין איינעם פון אירע קינדער און אייניקלעך.

**ג.** זי זאָל זיך קיינמאָל נישט באַטייליגן אין די שמחות פון אירע קינדער.

דאָס אַלעס האָט ער איר באַפוילן צו טוהן, כדי אַז דורך דעם וואָס זי וועט זיך צוריקהאַלטן פון די דאָזיגע הנאות, וועט זי אַראָפּנעמען פון זיך די שווערע גזירה, און זי וועט געראַטעוועט ווערן פון איר לעבנס געפאַר. זי

האָט טאַקע באַלד גענומען אויף זיך אַלעס וואָס איר הייליגער זיידע האָט איר אָנגעזאָגט, און זי איז בחסדי השי"ת געזונט געוואָרן.

צוויי יאָר שפּעטער, האָט זי ווידעראַמאָל אָנגעטוהן אירע צירינג, און ליידער איז די מחלה צוריקגעקומען רח"ל. האָט דער זיידע איר געהייסן זי זאָל זיך ווייטער אָפּטיילן פון אירע צירינג נאָך צוויי יאָר. זי האָט אַזוי געטוהן, און זי איז אויסגעהיילט געוואָרן אַ צווייטן מאָל בעזהי"ת. נאָך צוויי יאָר, האָט זי - זעהענדיג אַז איינס ווענדעט זיך אין צווייטן (דאָס אויסטוהן די צירינג, ראַטעוועט איר פון די קראַנקהייט) האָט זי מער קיינמאָל נישט אָנגעטוהן די צירונג, איר גאַנצן לעבן. זי האָט אויך געהאַלטן איר צווייטע הבטחה, און קיינמאָל נישט געגעבן אַ קוש פאַר איר איינציגע טאָכטער. דאָס זעלבע האָט זי געטוהן מיט'ן דריטן תנאי: זי איז אַפילו נישט געווען ביי די חתונה פון איר בת יחידה, און אויך נישט ביי די בר מצוה שמחה פון איר טאָכטער'ס איינציגן זון... **אין זכות פון איר זיך צוריקהאַלטן פון די הנאות, האָט זי געלעבט מער ווי ניינציג יאָר, און איז ביז'ן סוף פון איר לעבן, געווען ביים בעסטן געזונט ב"ה.**

אַוודאי וועט זיך טרעפן עמיצער וואָס וועט זאָגן, אַז דאָ רעדט מען נישט צו אנשים כערכינו, נאָר דער אויבערשטער זאָל אונז העלפן אַז מיר זאָלן קענען טאַנצן ביי אַלע שמחות פון אונזערע קינדער געזונטערהייט מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, דאַרפן מיר זיך אָבער אַראָפּלערנען דעם 'כלל גדול' וואָס הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט אונז געלערנט דערמיט, **אַז צו פאַרמיידן פון זיך הנאות עולם הזה, ברענגט אויף דעם מענטש אַסאַך טובות און ברכות...**

## מן הבאר

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם בעל ההילולא, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע. אַמאָל איז געווען ביי רבי שלמה'קען אַ איד אַ גרויסער יחסן, און רבי שלמה'קע האָט געזעהן אַז דער איד גליסט זייער פאַר אַביסל כבוד - אַביסל שוין אויף אַ 'מוגזם'דיגן' אופן... האָט ער געזאָגט צו דעם בנן של קדושים:

- ויסן זאָלסטו, ווען עס קומט אַראָפּ אַ נשמה אויף דער וועלט, קומט אַראָפּ מיט איר אַ 'קצבה' פון הנאות וואָס זי דאַרף האָבן אויף דער וועלט. דאָס ווערט איינגעטיילט אויף פאַרשידענע הנאות: כבוד, קינדער, פרנסה, בריאות הגוף והנפש, פון זיך און פון די בני בית, נחת דקדושה פון די קינדער, א.א.וו. ממילא, גיב אַ קוק, אויב דער מענטש נעמט פאַר זיך כבוד מער ווי די מאָס, מאַכט ער דאָך ח"ו קאַליע פאַר זיך ביי אַנדערע הנאות און טובות אויף דער וועלט. און ווער איז דען אַזאַ שוטה, צו וועלן הנאה האָבן פון כבוד ווען ער ווייסט אַז עס קומט חלילה אויפ'ן חשבון פון זיין געזונט אָדער אנשטאָט נחת א.ד.ג.

מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע מעשה פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, אַז זיין טאַטע, הרה"ח רבי דוד ז"ל, האָט געוואוינט אין שכינות מיט הרה"ק רבי מרדכי'לע זוועהילער זי"ע. ווען ער האָט געזעהן די שרעקליכע אָרימקייט וואָס הערשט ביי רבי מרדכי'ן אין שטוב, האָט ער איהם געוואָלט אַרויסהעלפן און איהם לייכטער מאַכן. איז ער אַריבערגעגאַנגען צו רבי מרדכי'ס זיידע, הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, און איהם געבעטן צו שיקן צרכי הבית אויך פאַר זיין אייניקל. מיט וואָס איז ער דען ווייניגער ווי די אַנדערע אָרימעלייט אין ירושלים, האָט רבי דוד געטראַכט ביי זיך (ווי באַקאַנט, פלעגט הרה"ק רבי שלמה'קע יעדן ערב שבת פאַרטיילן צרכי שבת פאַר הונדערטער אָרימע משפּחות אין ירושלים). האָט הרה"ק רבי שלמה'קע איהם געענטפערט:

**- איך וויל אַז מיינע אייניקלעך זאָלן זיין אָרימעלייט...**

דאָס איז דאָך קלאָר, אַז דער הייליגער זוועהילער רבי האָט נישט געוואָלט אַז זיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן חלילה ליידן אויף דער וועלט... אַפילו דער פּשוט'סטער איד האָט רחמנות אויף זיינע אייגענע קינדער, כרחם אב על בנים... אויב אַזוי, ווי אַזוי איז מעגליך אַז ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין אָרים? נאָר וואָס דען, טאַקע דערפאַר ווייל רבי שלמה'קע האָט געזאָרגט פאַר זיי, און זיי אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, האָט ער געוואָלט אַז עס זאָל זיי זיין גוט, און זיי זאָלן האָבן הרחבה אָן אַ גרעניץ. צוליב דעם האָט ער פאַרגעצויגן זיי זאָלן זיין געענגט אין געלט, און מיט דעם האָבן זיי 'יוצא געווען' דעם חיוב פון יסורים, און אַזוי האָט ער געקענט האַלטן פאַר זיי די קצבה פון הנאות פאַר אַנדערע גוטע זאַכן...

הרי משתה, אם אין שלום, אין כלום', תלמוד לומר אחר כל זאת, ונתתי שלום בארץ'.

**זאָגן** די ספרים אַז כוונה אין די ווערטער פון רש"י ז"ל, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט דער מאמר פון רבי שמעון בן חלפתא (עוצקין פ"ג, מ"ב) 'לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, שנאמר (תהלים כט) 'ה' עוז לעמו יתן, ה' יברך את עמו בשלום'. ממילא, וועלן אַלע ברכות אויף דער וועלט נישט העלפן אויב עס הערשט נישט שלום צווישן אידן, ווייל שלום איז דאָך די 'כלי מחזיק ברכה', און 'אם אין שלום, אין כלום'. וועגן דעם האָט דער פסוק געדאַרפט צוגעבן אויך די ווערטער 'ונתתי שלום בארץ', כדי די ברכות זאָלן האָבן אַ קיום ביי אידישע קינדער[יא].

**ענליכע** ווערטער שרייבט דער 'קרן לדוד' (פ' נשא, ד"ה 'כה תברכו') אויף דעם פסוק וואָס מיר זאָגן אין 'ברכת כהנים' (במדבר ו, כג) 'דבר אל אהרן ואל בניו לאמור, כה תברכו את בני ישראל אמור להם'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער פסוק אָנגעהויבן מיט אַ 'לשון רבים': 'אמור להם', און דערנאָך גייט ער אַריבער צו אַ 'לשון יחיד', 'יברכך ה' וישמרך', און אַזוי ווייטער.

**זאָגט** דער 'קרן לדוד', אַז אַ 'לשון יחיד' ווייזט אויף אחדות צווישן אידן (אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות יט, ב) 'ויחן שם ישראל', זאָגט רש"י, 'כאיש אחד בלב אחד'). קומט דער פסוק אונז זאָגן, ווען זאָלסטו בענטשן די אידן: 'תברכון את בני ישראל אמור להם', ווען אידן זענען באחדות ווי איין מענטש, דאַן 'יברכך ה'', ווייל נאָר אין אַזאַ מצב קען מען משפיע זיין פולע הויפענס מיט ברכות אויף די אידן.

**עס** איז באַקאַנט וואָס דער של"ה הקדוש זי"ע שרייבט (מסכת יומא, דרך חיים, אות מד) 'מחלוקת אחת דוחה מאה פרנסות'. איין מחלוקת, שטופּט אַוועק 100 פּרנסות! ממילא דאַרף יעדער איינער זעהן צו 'אינוועסטירן' אין דעם ענין פון שלום צווישן אידן, ווייל דאָס איז אַן 'אינוועסטירונג' וואָס ברענגט גרויסע פאַרדינסטן, און ער וועט האָבן פּרנסה הונדערט מאָל מער ווי ער האָט ביז יעצט[יב].

---

**י.** ביי די **ברכות** אין דער היינטיגער סדרה (כו, ו), געפינען מיר דעם ענין פון שלום: 'ונתתי **שלום** בארץ ושכבתם ואין מחריד'. אין די **תוכחה**, אָבער, ווערט נישט דערמאנט די שרעקליכע קללה פון **מחלוקת**. האָט דער גרערער רבי, הרה"ק בעל 'לב שמחה' זי"ע, געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אַפילו אין די 'תוכחה', איז די תורה נישט געווען גרייט צו דערמאנען דעם ענין פון מחלוקת...

**יא.** דער בוטשאַטשער רב זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (ישעיה ט, ו) א-ל גיבור **אבי** עד **שר** שלום'. צומאָל פירט זיך דער אויבערשטער מיט אונז אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס האָט רחמנות אויף זיינע קינדער, און ער איז מוותר אויף זיין כבוד. און צומאָל פירט ער זיך מיט אונז אַזוי ווי אַ 'שר' און אַ קעניג, וואָס 'מלך במשפט יעמיד ארץ', און ער איז נישט מוותר אויף זיין כבוד. דער אופן פון די הנהגה צווישן 'אבי' (אַ טאַטע) און 'שר' (אַ קעניג) - 'אבי עד שר' - ווענדעט זיך אין 'שלום'. **אויב אידישע קינדער לעבן בשלום איינער מיט'ן אַנדערן, פירט זיך דער אויבערשטער מיט זיי אַזוי ווי אַ טאַטע, אָבער אויב עס הערשט צווישן זיי מחלוקת ח"ו, פירט ער זיך מיט זיי ווי אַ שטרענגער קעניג ח"ו.** (ספר 'דבש השדה', אות קו)

אין צייט פון דער ביטערע צווייטער וועלט מלחמה, האָט אין ירושלים געוואוינט אַ איד מיט'ן נאָמען רבי יעקב, וועלכער איז ליידער געווען פול מיט קרעץ רח"ל און צוליב דעם האָבן מענטשן זיך דערווייטערט פון איהם און מ'האָט איהם אַפילו נישט אַריינגעלאָזט אין קיין מקוה אין ירושלים... האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געפלעגט זאָגן: **אויב מ'וואָלט אַריינגעלאָזט רבי יעקב'ס אין אַ מקוה, וואָלט די גאַנצע מלחמה זיך געפירט אויף אַן אַנדערן אופן.** דאָס מיינט, כאָטש ס'איז שוין ליידער געווען די ביטערע גזירה אויף די אידן אין אייראָפּע, אָבער מ'וואָלט עס אפשר געקענט ממתיק זיין אַז די גזירה זאָל נישט זיין אַזוי אכזריות'דיג, ה' ירחם.

**יב.** אין הויז פון הרה"ק רבי משה בצלאל אלתר זצ"ל הי"ד (אַ יונגערער ברודער פון הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע) האָט געהערשט א גרויסע אָרימקייט ל"ע. אַמאָל האָט איינער פון די בני בית זיך באַקלאָגט איבער דעם מאַנגל אין פרנסה (פון דעם האָט אפשר משמע געווען, אַז אויב מ'זאָל מאַכן אַ שטיקל 'טומל', קען רבי משה בצלאל האָבן מער פרנסה). האָט רבי משה בצלאל געזאָגט:

- די ערשטע זאַך אויף וועלכער מיר דאַרפן שטאַרק מקפיד זיין, איז אַז עס זאָל זיך נישט ערוועקן חלילה אַ קפידא און מחלוקת צווישן אונז, ווייל מ'ווייסט דאָך 'אַז מחלוקת אחת דוחה מאה פרנסות' - איין מחלוקת שטופּט אַוועק הונדערט פּרנסות...

**לויט** דעם, טייטשט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (פ' ויגש, ד"ה 'והנה אמרו') דעם פסוק (תהלים קמז, יד) 'השם גבולך שלום, חלב חיטים ישביעך'. יעדער 'חכם' האָט אַ געוויסע גרעניץ און אָפּהאַלט צו זיין חכמה. צום ביישפּיל, ס'זענען דאָ מענטשן, וואָס ווען עס קומט זיי אונטער אַ נסיון אין דעם ענין פון כבוד, וועלן זיי פאַרלירן זייער גאַנצע חכמה, און טוהן זאַכן קעגן דעם שכל, אַלעם פאַר אַביסל כבוד... פאַר אַביסל 'כבוד', זענען זיי גרייט זיך נאַריש צו מאַכן. עס זענען אויך דאָ מענטשן, וואָס זענען 'קלוג' ביז עס קומט צו אַ מצב פון קנאה. ווען ער האָט קנאה אויף אַ צווייטן, וועט ער זיך אויפפירן ווי איינער וואָס האָט נישט אַפילו אַ 'טראָפּ שכל'...

**ערליכע** אידן שטעלן אָבער אוועק אַן אַנדערע 'גרעניץ' פאַר זייער חכמה, ווען עס קומט זיי אונטער אַ נסיון אין דעם ענין פון שלום, זענען זיי גרייט צו טוהן זאַכן קעגן זייער חכמה, אַלץ כדי עס זאָל הערן שלום ושלוה צווישן אידן. זייער שכר איז 'חלב חיטים ישביעך'. דער אויבערשטער וועט משפיע זיין אויף זיי פרנסה בריווחה, אפילו אויב עס איז חלילה נגזר געוואָרן אויף זיי אַז עס זאָל זיי פעלן פרנסה, ווייל תוספות זאָגט (שבת קנו. ד"ה 'אין') אַז אַ גרויסער זכות טוט יאָ טוישן דעם מזל פון אַ מענטש, און דער ענין פון שלום איז אַ 'זכות גדול'.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, 'השם גבולך שלום'. אויב דו וועסט מאַכן אַ 'גרעניץ' צו דיין חכמה ווען עס קומט צו לעבן בשלום מיט אַנדערע מענטשן. 'חלב חיטים ישביעך' - וועסטו זוכה זיין צו אַ גרויסע שפע פון פרנסה, עד בלי די"ג.

**שיהא זרעי וזרע זרעי - תפילות פון עלטערן אויף גוטע קינדער**

**מיר** שטייען שוין ביפאַר דעם געהויבענעם טאָג פון ערב חודש סיון, וואָס ווי באַקאַנט, שרייבט דער של"ה הקדוש זי"ע (מסכת תמיד, נר מצוה, קלב) אַז 'לבי אומר לי', אַז ערב ראש חודש סיון איז אַן 'עת רצון' פאַר די תפילה (די באַקאַנטע תפילה פונעם של"ה הקדוש) **וואָס עלטערן זאָלן** מתפלל זיין פאַר די הצלחה פון זייערע קינדער אין תורה און יראת שמים, ווייל אין חודש סיון האָט דאָך דער אויבערשטער געגעבן די תורה צו די אידן, און צוליב דעם ווערן די אידן אָנגערופן דעם אויבערשטען'ס קינדער.

---

מענטשן זענען געוואוינט צו זאָגן, **'וואָס טוט מען נישט פאַר פרנסה'**... מענטשן פאָרן דאָך אַרום איבער טייכן און ימ'ען צו די ווייטסטע ערטער, אַהיימצוברענגען פרנסה אין שטוב. דאַרף מען געדענקן אין זיך חזר'ן, אין אַ צייט פון מחלוקת, וועל איך נישט אַוועקשטופּן 'הונדערט פרנסות' פאַר איין מחלוקת...

די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) רבא האָט געזאָגט צו די מענטשן פון דער שטאָט מחוזא: 'אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו' - איר זאָלט אָפּגעבן כבוד פאַר אייערע פרויען, כדי איר זאָלט ווערן רייך. דאָס הייסט, אַז ס'איז אַ סגולה פאַר עשירות, מכבד צו זיין דאָס ווייב. דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון איין צום אַנדערן.

האָבן מיר געהערט נאָכזאָגן, ווען אדם הראשון און חוה האָבן געזינדיגט מיט עסן פונעם 'עץ הדעת', זענען ביידע געשאָלטן געוואָרן, אדם הראשון מיט די קללה פון 'בזיעת אפך תאכל לחם' (בראשית ג, יט), און חוה מיט די קללה פון (שם פסוק טז) 'והוא ימשול בך'. קומט אויס, אַז דער מאַן האָט באַקומען רשות צו געוועלטיגן אויף זיין ווייב, און ער קען איר צווינגען איהם אָפּצוגעבן כבוד און באַדינען לויט זיין באַגער. ממילא, אויב דער מאַן פירט זיך לויט'ן שורת הדין, און ער איז נישט מוותר פון זיינעם, ער מאכט זיכער אַז זי זאָל ווייטער בלייבן מיט איר קללה, פירט זיך דער אויבערשטער מיט איהם 'מדה כנגד מדה', און אויך זיין קללה - 'בזעת אפך תאכל לחם' ווערט חלילה מקוים אויף אַ פולשטענדיגן אופן. אָבער **אויב דער מענטש פירט זיך מיט רחמנות, און ער מאַכט לייכטער פאַר זיין ווייב איר קללה פון 'והוא ימשול בך', איז ער זוכה אַז אויך דער אויבערשטער זאָל זיך פירן מיט איהם מדה כנגד מדה, און ער זאָל נישט דאַרפן שוויצן און אַרבעטן אַזוי שווער פאַר פרנסה,** און ער ווערט רייך בהרחבה ובניקל.

**יג.** עס שטייט אין ספר 'בית יעקב' (פון הג"ר יעקב אב"ד אלכסנדר, אַ תלמיד פון הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע) אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן (דעם רבי'ן ר' בונם) אַז אויב אַ מענטש האָט חלילה צער גידול בנים רח"ל, איז אַ סגולה פאַר דעם, זיך צו היטן פון מחלוקת. ער זאָל נאָכיאָגן שלום, און זיין פון די 'נעלבין ואינם עולבין', און אַזוי וועט ער בעזהי"ת פטור ווערן פון צער גידול בנים.

אין די 'תוכחה' אין די היינטיגע סדרה, לייענען מיר (כו, יז) 'ונסתם ואין רודף אתכם'. איר וועט אַנטלויפן, און קיינער וועט אייך נישט נאָכלויפן. פרעגט דער רבי ר' העשיל זי"ע, אין זיין ספר 'חנוכת התורה', וואָס פאַר אַ קללה איז דאָס, אַז קיינער וועט אייך נישט נאָכלויפן? וואָלט דען געווען בעסער אַז עמיצער זאָל יאָ נאָכיאָגן?!

ענטפערט דער רבי ר' העשיל, מיר ווייסן דאָך אַז 'האלוקים יבקש את הנרדף', און חז"ל זאָגן, אַז דאָס איז אַזוי, אפילו אויב דער 'נרדף' איז אַ רשע. קומט אויס, אַז אויב די גוים וואָלטן געוואָלט גערודפ'ט און נאָכגעיאָגט די אידן, וואָלט דער אויבערשטער געזעהן די אידן אַלס 'נרדפים', און ער וואָלט זיי געהאָלפן, אַז די מדת הדין זאָל נישט קענען געוועלטיגן אויף זיי ח"ו (כאָטש זיי האָבן אַזוי פיל געזינדיגט אַז זיי זענען געשטראָפט געוואָרן מיט די תוכחה). וועגן דעם ברענגט דער אויבערשטער אַ בהלה אַז זיי זאָלן אַנטלויפן אָן דעם וואָס עמיצער זאָל זיי נאָכיאָגן, אַז זיי זאָלן נישט זיין אין גדר פון 'האלקים יבקש את הנרדף'...

דער בעל ההילולא, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, פלעגט זאָגן, **'מיט בזיונות קויפט מען אָפּ דעם טויט'**. דאָס הייסט, אַזוי איז די טבע פון די בריאה, אַז די בזיונות ראַטעווען דעם מענטש פון טויט.

אין יאָר תש"ח, ווען עס איז פאָרגעקומען די מלחמה אין ארץ ישראל און אידן אין די נייע געגענטן פון ירושלים זענען געזעסן גאַנצע טעג און נעכט אין די בונקערס צוליב די באָמבאַרדירונגען פון די אַראַבער, איז אין זעלבן בונקער וואו ס'איז געזעסן דער זוועהילער רבי הרה"ק רבי גדליה משה זי"ע (זון און ממלא מקום פונעם בעל ההילולא) געווען אַ פרוי וועלכער איז ליידער נישט געווען ביים פולן זינען ל"ע, אַזוי אַז אַלע אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין בונקער, האָבן שטאַרק געליטן פון איר. צווישן איין 'באָמבע' און די אַנדערע 'באָמבע' וואָס די אַראַבער האָבן געוואָרפן, האָט זי געוואָרפן 'באָמבעס' פון איר מויל... זי האָט פאַרשעמט די אידן אין בונקער, יעדן איינעם אויף אַן 'אייגנאַרטיגן' אופן... דעם 'מלמד' האָט זי 'אַריינגעזאָגט' וואָס פאַראַ שוואַכער מלמד ער איז... און אַזוי אויך פאַר אַלע אַנדערע, 'איש איש כפי ערכו'...

ווען די פרוי האָט שוין 'איבערגעצויגן דאָס שטריקל', האָבן עטליכע אידן אין בונקער זיך געוואָנדן צו הרה"ק רבי גדליה משה זי"ע מיט די שאלה, אויב מ'מעג איר פאַרשיקן פון דאָ, און 'מזכה זיין' די אידן אין די אַנדערע בונקערס מיט די 'מצוה' פון האַלטן איר דאָרט... האָט רבי גדליה משה געענטפערט, אַז מעיקר הדין, מעגן מיר איר פאַרשיקן פון דאָ, אָבער איידער איר וועט באַגיין אַזאַ שריט, וויל איך אייך דערציילט אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען ביי מיין טאַטן, הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע:

הרה"ק רבי שלמה'קע האָט געהאַט אַ טאָכטער וואָס איז געווען נישט געזונט ל"ע. יעדעס מאָל וואָס די 'היץ' אין איר קערפּער איז אַרויפגעגאַנגען, איז זי געווען אין אַ שרעקליכע סכנה ה' ירחם. איין טאָג, איז די היץ פון איר קערפּער געווען זייער הויך. האָט הרה"ק רבי שלמה'קע - וועלכער איז אויך געווען ממונה אויפ'ן 'הקדש' אין דער שטאָט זוועהיל (דאָס מיינט, אַז ער פלעגט איינמאָנען דעם 'שכר לימוד' פון די עלטערן וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די תלמוד תורה) - אָנגעטוהן זיין רעזשעוואָלקע, און איז אַרויס אויפ'ן גאַס. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פרוי, וועלכע איז געווען אַ צובראָכענער מענטש וואָס האָט זיך ליידער געפלאָגט, און איר געבעטן זי זאָלן באַצאָלן איר חוב פאַר די תלמוד תורה, וואו איר זון לערנט שוין אַ פּאָר חדשים און מ'האָט נאָך נישט באַצאָלט דעם חוב פונעם 'שכר לימוד'. האָט די פרוי 'געעפענט אַ מויל' אויף רבי שלמה'קען, און איהם גאָר שטאַרק פאַרשעמט: ווער ביסטו, 'מי שמך לאיש', אַז דו זאָלסט פאַרלאַנגען פון מיר דעם 'שכר לימוד'?!...

'ווען די פרוי האָט געענדיגט איר 'דרשה', איז הרה"ק רבי שלמה'קע אַהיימגעגאַנגען, און אין זכות פון די בושות וואָס ער האָט געליטן פון די פרוי, איז זיין טאָכטער - מיין שוועסטער - אַרויס פון געפאַר', האָט הרה"ק רבי גדליה משה דערציילט. אַ קורצע צייט שפּעטער, איז די היץ אין זיין טאָכטער'ס קערפּער ווידער אַרויפגעגאַנגען, און 'כמעשהו בראשונה, כך מעשה בשניה' - רבי שלמה'קע האָט ווידעראַמאָל געטוהן דאָס זעלבע. ער איז אַרויס אין גאַס, און געזוכט בזיונות... ער האָט אָבער נישט געטראָפן עמיצן וואָס זאָל איהם געבן אַ 'פסק'... איז ער צוריק אַהיימגעקומען און געזאָגט מיט וויטאָג, 'איך האָב נישט זיך נישט אָנגעטראָפן אַפילו מיט אַ קליינעם בזיון', און די טאָכטער איז ליידער אַוועק פון דער וועלט ל"ע.

און רבי גדליה משה האָט אויסגעפירט: אזוי האָט מיין הייליגער טאַטע געזאָגט, אַז **בזיונות זענען אַ סגולה זיך צו פטר'ן פון טויט**, און אין דעם מצב וואו מיר געפינען זיך יעצט - זיצנדיג אין בונקער צוליב די באָמבאַרדירונגען פון די שונאי ישראל, און מ'ציטערט פאַר'ן טויט רח"ל, איז דען נישט בעסער צו ליידן בזיונות פון די פרוי, כדי זיך צו פטר'ן פון פיל ערגערס, ה' ישמרינו?

הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע האָט געהאַט אַ מנהג, צו זיצן צווישן די אָרימעלייט ביי יעדע מעגליכע געלעגנהייט. אַמאָל ווען ער איז געזעסן מיט אַנדערע אָרימעלייט ביים כותל מערבי, איז דאָרט אַדורכגעגאַנגען אַ איד וואָס

**דעריבער** שרייבט ער, אַז עס איז ראוי מ'זאָל פאַסטן אין דעם טאָג, און נתעורר צו ווערן צו תשובה און תיקון המעשים, צו פאַררעכטן אַלע ענינים פון איסור והיתר, טומאה וטהרה, און מ'זאָל געבן צדקה פאַר ערליכע אָרימעלייט. (אויך דער מענטש וואָס ס'איז איהם שווער צו פאַסטן היינטיגע צייטן, קען ער מקיים זיין די אַנדערע זאַכן וואָס שטייען דאָרט)[יד].

**באמת,** ליגט אייביג אַ פליכט אויף עלטערן מתפלל צו זיין פאַר די הצלחה פון זייערע קינדער אין

---

האָט געטיילט אַ מטבע פאַר יעדן איינעם פון די אָרימעלייט, און נישט קענען'דיג רבי שלמה'קען, האָט ער אויך איהם געגעבן אַ מטבע, וואָס רבי שלמה'קע האָט 'גערן' גענומען פון איהם. שפּעטער, ווען דער נדיב האָט זיך דערווייטערט פון דאָרט, האָט רבי שלמה'קע אַוועקגעשאָנקען די מטבע וואָס ער האָט באַקומען צו אַן אָרימאַן וואָס איז געזעסן נעבן איהם, און ווען יענער האָט זיך געוואונדערט, אויב איר האָט עס נישט געדאַרפט האָבן, פאַרוואָס האָט איר עס גענומען?, האָט רבי שלמה'קע געענטפערט:

- **איך האָב נישט געקענט מוותר זיין אויף די בזיונות...**

אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, מיט טענות אויף אַ צווייטן וואָס 'דערגייט איהם די יאָרן', און רעדנדיג אַזוי, האָט ער יענעם 'אָנגעשאָלטן' מיט כל-ערליי קללות. האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- אויב דו האָלטסט אַזוי חשוב דיין מויל, אַז עס האָט אַ כח אויפצוטוהן, און צוליב דעם טוסטו שעלטן דיין חבר, איז אנשטאָט די קללות אויפ'ן קאָפּ פון דיין חבר, איז דאָך בעסער אַז דו זאָלסט ענדערש בענטשן זיך אַליין, מיט אַ שפע פון ברכה און הצלחה און פרנסה בריווח... אַזוי וועסטו דאָך פטור ווערן פון אַלע צרות...

דאָס זעלבע קען מען זאָגן לעניינינו, ווען מ'פאַרשעמט איינעם און ער הערט זיין שאַנדע, און אנשטאָט צו ענטפערן יענעם, בענטשט ער זיך אַליין, וועט ער פיל מער אויפטוהן. ער וועט זוכה זיין צו אַסאַך טובות און ברכות אויף ביידע וועלטן.

**יד.** חודש אדר תשפ"ד, איז נפטר געוואָרן הרה"ח רבי ברוך היימאַן ז"ל, אַ חשוב'ער ברסלב'ער חסיד. ער פלעגט העלפן בחורים וואָס האָבן געהאַט שוועריגקייטן אַריינגענומען צו ווערן אין ישיבות, צו געפינען פאַר זיי פּאַסיגע ישיבות. דער רבי ברוך הייממאַן, האָט געשטאַמט פון אַ 'פרייע' משפחה. זיין מאמע איז געווען די טאָכטער פון זלמן א... וועלכער איז געווען דער ערשטער חינוך-מיניסטער פון מדינת ישראל, און איינער פון די נאָנטסטע מענטשן פונעם ערשטן פרעמיער ב"ג.

ווען רבי ברוך איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז ער 'אַריינגעפאַלן' אין די ברסלב'ער שול אין דער מאה שערים געגנט פון ירושלים. דאָרט האָט ער באַגעגענט הרה"ח רבי שמעון שפּירא שליט"א, און געכאַפּט מיט איהם אַ שמועס. רבי שמעון האָט גערעדט מיט איהם וועגן די באַקאַנטע משנה (אבות פ"ג, מ"א) 'עקביא בן מהללאל אומר, **הסתכל בשלשה דברים ואי אתה בא לידי עבירה: א. מאין באת. ב. ולאן אתה הולך. ג. ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון**'. די ווערטער פונעם הייליגן תנא עקביא בן מהללאל, זענען גוט אַריין 'אין די ביינער' פון דעם יונגען בחור'ל, און עס האָט איבערגעלאָזט אויף איהם אַן אומפאַרגעסליכן רושם. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן דערנענטערט צו ווערן צו אידישקייט. שפּעטער האָט רבי שמעון שפּירא איהם גענומען צו זיין טאַטן, דעם באַקאַנטן ברסלב'ער חסיד רבי שמואל שפּירא זצ"ל. ווען ער איז אַריינגעקומען מיט דעם בחור צום טאַטן אין הויז, האָט רבי שמעון געזאָגט צו זיין טאַטע: טאַטע, דער דאָזיגער בחור ווייסט דעם ענטפער אויף **די 'דריי שאלות'**, מיינענדיג דערמיט די אויבן-דערמאָנטע משנה, 'הסתכל **בשלשה** דברים' וכו'.

הערנדיג די ווערטער פון זיין זון, האָט רבי שמואל שפּירא ז"ל, וועלכער איז דאַן שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט, זיך אויפגעשטעלט פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו דעם בחור ברוך היימאַן, און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון התרגשות, בעטנדיג אַ ברכה פון דעם בחור... דער בחור האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער רבי שמואל האָט איהם געזאָגט מיט אַ קול געשטיקט פון טרערן: פופציג יאָר בין איך שוין מתפלל אַז איך זאָל קענען 'איינזאַפּן' אין זיך די ווערטער פונעם תנא, 'מאין באת ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון', און דו האָסט עס באַלד פאַרשטאַנען. גיב מיר אַ ברכה אַז איך זאָל אויך זוכה זיין דערצו... די דאָזיגע ווערטער, וואָס זענען געווען 'יוצאים מן הלב', פון רבי שמואל שפּירא'ס ריין הייליג האַרץ מיט תמימות און פשטות, האָבן

געהאַט אַן אויסערגעוועונליכע השפעה אויף דעם יונגען בחור, און זינט דאַן איז ער געוואָרן אַ בן בית ביי רבי שמואל, וועלכער האָט געלערנט מיט איהם יעדן טאָג, ביז ער האָט חתונה געהאַט און אויפגעשטעלט דורות ישרים ומבורכים לשם ולתפארת.

און רבי ברוך פלעגט דערציילן ווי אַזוי ס'איז פאַקטיש געקומען דערצו, אַז ער זאָל זוכה זיין דערנענטערט צו ווערן צו אידישקייט. ווי געזאָגט האָט ער דאָך געשטאַמט פון 'פרייע' עלטערן, וועלכע האָבן ליידער נישט געהאַט קיין שייכות מיט אידישקייט. זיי זענען געווען נאָנט צו אַלע 'הויכע שישקעס' אין די ממשלה, אָבער זיין באַבע (זיין מאמע'ס מאמע), איז געווען אַ פשוט'ע תמימות'דיגע פרוי, וועלכע פלעגט צינדן שבת-לעכט יעדן פרייטאָג. זי האָט געוואוסט איין זאַך, אַז אויב מ'וויל אַז די קינדער זאָלן האָבן הצלחה, דאַרף מען דערויף מתפלל זיין פרייטאָג ביי לעכט-בענטשן. וויבאַלד זי האָט אָבער געהאַט שוואַכע 'השגות' (איר מאַן איז דאָך געווען נאָנט צום פרעמיער ב"ג), האָט זי יעדן ערב שבת געבעטן אַז אירע קינדער זאָלן גיין אין די וועגן פון דעם ראש הממשלה ב"ג (ה' ירחם).

אין יאָר תשי"ב, איז אויפגעקומען דער רצון פון די פרייע רעגירונג אַרויפצוצווינגען די שרעקליכע גזירה פון 'גיוס בנות', אַז די ערליכע אידישע טעכטער זאָלן חלילה דאַרפן גיין אין מיליטער, אַזוי ווי די 'פרייע' מיידלעך. אַלע גדולי ישראל זענען דאַן אַרויסגעקומען שאַרף קעגן די גזירה, און באַשטימט להלכה אַז עס איז 'יהרג ואל יעבור'. מ'דאַרף זיין גרייט גע'הרג'עט צו ווערן ח"ו, אַבי נישט צו גיין דינען אין די אַרמיי. ווען דער רשע ב"ג האָט געזעהן אַז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן, האָט ער געוואָלט גיין באַזוכן ביי די גדולי ישראל פון יענע תקופה, מיט די איינרעדעניש אַז ער וועט באַווייזן זיי צו איבערצייגן איינצושטימען צום געזעץ וואָס די רעגירונג וויל איינפירן. אין הויז פונעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל האָט מען איהם נישט אַריינגעלאָזט, אָבער ער האָט באַוויזן אָפצושטאַטן אַ באַזוך אין הויז פון דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל אין בני ברק. דער 'חזון איש האָט איהם 'געשטעלט אויפ'ן פלאַץ', אויף אַן אומצוויידייטיגן אופן... (ס'איז באַקאַנט, אַז ווען דער רשע איז אַריינגעקומען אין הויז פונעם 'חזון איש', האָט דער הייליגער גאון אַראָפּגענומען זיינע ברילן, צוליב דעם דין פון 'אסור להסתכל בפני אדם רשע'). ער האָט אויפגעוויזן פאַר ב"ג פון די גמרא (סנהדרין לב.) אַז מיר זענען די וואָס זענען מחליט לויט די תורה, און מיר זענען דער 'פולער וואָגן', פאַר וועמען דער 'ליידיגער וואָגן' דאַרף מאַכן פלאַץ...

דער ראש הממשלה איז צוריקגעקומען אַהיים 'אבל וחפוי ראש' - דערנידערט און פאַרשעמט. אַ צייט שפּעטער האָט ער אָבער געכאַפּט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און ער האָט געזאָגט: אין מיין לעבן האָב איך נאָך נישט געזעהן אַזאַ מענטש. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, האָב איך געזעהן אַ מענטש וואָס איז 'כולו אמת', אָן אַ טראָפּן שקר אָדער חנופה, אַ איד וואָס ווערט נישט נתפעל פון קיינעם (די אַלע וואָס האָבן געוואָלט קומען אין באַרירונג פון דעם רשע ב"ג, האָבן דאָך פראַבירט זיך צו חנפ'ענען און 'לעקן' צו איהם...). זיינע נאָנטע האָבן געהערט פון איהם ווי איבערראַשט און באַאיינדרוקט ער איז געוואָרן פון דער הייליגער פערזענליכקייט פונעם 'חזון איש' זצ"ל, און אויך דער חינוך-מיניסטער זלמן א. האָט געהערט פון ב"ג ווי ער זאָגט: 'ווען איך וואָלט עס נישט געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָלט איך נישט געגלייבט אַז עס לעבט אַזאַ מענטש אויף דער וועלט'.

ווען דער חינוך-מיניסטער זלמן א. איז אַהיימגעקומען, האָט ער דערציילט פאַר זיין פרוי אַז דער פרעמיער איז זייער שטאַרק נתפעל געוואָרן פון הרב קרליץ פון בני ברק (דער 'חזון איש'). פאַר עטליכע טעג האָט ער כסדר באַטאָנט ווי ווייט דער ראש הממשלה איז ממש 'אַרויס פון די כלים' פון הרב קרליץ... ער האָט אַפילו נישט אין אַכט גענומען ווי זיינע ווערטער דרינגען אַריין צוביסלעך אין האַרץ פון זיין פרוי, אויף אַזוי ווייט, אַז דעם קומענדיגן ערב שבת, ווען זי האָט געצונדן די שבת-לעכט, האָט זי שוין געטראַכט ביי זיך, אַז אויב דער פרעמיער, וועלכער איז אַזוי געשעצט אין אַלע זייערע קרייזן, איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון הרב קרליץ, מוז דאָך זיין אַז דאָ רעדט מען פון אַ 'ספּעציעלן' מענטש, און זי האָט זינט דאַן מתפלל געווען יעדן פרייטאָג, אַז אירע קינדער זאָלן גיין אין די וועגן פון 'הרב קרליץ' פון בני ברק...

טראָץ דעם וואָס זי האָט בכלל נישט געקענט הרב קרליץ, און זי האָט אַוודאי נישט געמיינט צו בעטן אַז אירע קינדער זאָלן זיין 'ערליך' און גיין אויפ'ן אידישן וועג, האָבן אָבער די תפילה פון אַ תמימות'דיג אידיש האַרץ געמאַכט אַ רושם אין הימל, ווי מיר זעהען טאַקע, אַז אירע תפילות האָבן גע'פּועל'ט, און איר אייניקל איז געוואָרן אַ בעל תשובה, און האָט שפּעטער געהאַט אַזוי פיל זכותים, טוהענדיג טובות פאַר אידן, בפרט פאַר בחורים, זיי זאָלן קענען אָנגענומען ווערן אין פּאַסיגע ישיבות.

תורה און יראת שמים[טו], אָבער אין די טעג פאַר קבלת התורה איז אַ 'זמן גרמא' מתפלל צו זיין אַז מ'זאָל

---

**טו.** מיר געפינען ביי חנה, אַז זי האָט געברענגט איר זון שמואל צום משכן שילה און געזאָגט: אל הנער הזה התפללתי וגו', וגם אנכי השאלתיהו לה'. איך האָב מתפלל געווען אויף דעם קינד, און איך האָב איהם 'אַוועקגעבאָרגט' פאַר דעם אויבערשטען. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט זי איהם נאָר 'אַוועקגעבאָרגט' פאַר'ן אויבערשטען, און איהם נישט אַוועקגעשאָנקען אינגאַנצן פאַר'ן באַשעפער?

האָט איינע פון די צדיקי הדור שליט"א געזאָגט, אַז דער פסוק וויל אונז לערנען, אַז אַפילו שמואל הנביא, וואָס מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין זיין גרויסקייט, דאַרף אויך אָנקומען צו אַ 'מאַמע' וואָס זאָל מתפלל זיין פאַר איהם אַז ער זאָל מצליח זיין אין תורה און עבודת השי"ת. וועגן דעם האָט זי איהם נישט 'אַוועקגעגעבן' אַלס אַ מתנה צום אויבערשטען. זי האָט איהם נאָר 'געבאָרגט' פאַר'ן באַשעפער, כדי ער זאָל נאָך אַלץ האָבן אַ מאַמע וואָס זאָרגט און איז מתפלל פאַר איהם...

ביי לאה אמינו ע"ה געפינען מיר אין פסוק (בראשית כט, יז) 'ועיני לאה רכות', אירע אויגן זענען געוואָרן פייכט פון געוויין (ווייל זי האָט געציטערט אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן ח"ו צו עשו הרשע) אָבער ביי איר שוועסטער, רחל, זאָגט דער נביא ירמיה (לא, טז) 'כה אמר ה', מנעי קולך מבכי' - זי זאָל אויפהערן צו וויינען... זאָגן די ספרים, ווייל **דער געוויין פון לאה איז געווען אויפצובויען אַ בית נאמן בישראל, אַ הויז וואו מ'טוט ערציען קינדער צדיקים. אַזאַ געוויין איז זייער חשוב אין הימל, און דערפאַר האָט דער אויבערשטער איר נישט געוואָלט זאָגן זי זאָל אויפהערן צו וויינען...**

אַ בחור פון אויסלאַנד וואָס האָט געלערנט אין דער ישיבה 'שפת אמת' אין ירושלים, איז געווען אַ וואונדערליכער בעל כשרון און אַ גרויסער מתמיד. ער איז געווען זייער באַליבט ביי דעם דעמאָלסדיגן ראש ישיבה פון 'שפת אמת', דעם שפּעטערדיגן גערער רבי הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, וועלכער פלעגט זיך משתעשע זיין מיט איהם אין תורה.

אַמאָל איז דער טאַטע פון דעם בחור געקומען פון אויסלאַנד אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל, און באַזוכנדיג אין דער ישיבה 'שפת אמת', איז ער אַריינגעגאַנגען צום ראש ישיבה, דעם 'פני מנחם', כדי איהם צו פרעגן וועגן זיין זון, וואו ער האַלט אין די לימודים. האָט דער ראש ישיבה איהם געענטפערט מיט קורצע ווערטער, אַזוי ווי מ'ענטפערט וועגן אַ בחור וואָס איז נישט מער ווי אַ 'בינוני' אין ישיבה: 'ברוך השם, אַלעס איז אין אָרדענונג'... אַרויסקומענדיג פונעם צימער פונעם ראש ישיבה, האָט דער טאַטע געכאַפּט אַ שמועס מיט עטליכע משגיחים און רמי"ם אין ישיבה, ווי אויך מיט עטליכע בחורים, און אַלע האָבן פאַר איהם אויסגעלויבט זיין זון, ווי אַזוי דער ראש ישיבה רעדט כסדר מיט איהם אין לערנען, סיי פאַרמיטאָג, סיי נאָכמיטאָג, א.א.וו. האָט דער טאַטע פונעם בחור זיך זייער געוואונדערט דערויף, אַז דער ראש ישיבה האָט איהם געענטפערט אַזוי 'קאַלט' וועגן זיין זון. איז ער ווידער אַריינגעגאַנגען צום ראש ישיבה, און איהם געפרעגט פאַרוואָס ער האָט איהם נישט געזאָגט איבער דעם ווי וואויל זיין זון לערנט אין ישיבה. האָט דער ראש ישיבה, דער 'פני מנחם', איהם געענטפערט מיט'ן דערציילן די פאָלגענדע מעשה:

'פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט געשוועבט אויף די קעפּ פון יונגע אידישע בחורים די גזירה פון מאָביליזאַציע צו דער פוילישער אַרמיי. מ'האָט טאַקע אַריינגערופן מיין ברודער (פון איין מאַמע, די רעביצין פייגא מינטשא ע"ה, וועלכע האָט בזיווג שני חתונה געהאַט מיט'ן רבי'ן בעל 'אמרי אמת' זי"ע, און זי האָט געהאַט אַן איינציגן זון פון ערשטן זיווג, וואָס איז ערצויגן געוואָרן ביים 'אמרי אמת'), רבי לייבל טעמקין ז"ל הי"ד אין מיליטער. איז מיין מאַמע אַריינגעגאַנגען צום טאַטן, דעם 'אמרי אמת', און געבעטן אַ ברכה אַז איר זון זאָל נישט דאַרפן דינען אין די אַרמיי. דער 'אמרי אמת' האָט איר אָבער אָפּגעענטפערט קורץ: 'דער אויבערשטער זאָל העלפן'. האָט מיין מאַמע באַוויינט דעם מצב פון איר זון, מיין ברודער, ווער ווייסט וואָס עס וועט צום סוף זיין מיט איהם ברוחניות ובגשמיות, ווייל עס האָט אויסגעזעהן אַז ער וועט מאָביליזירט ווערן אין דער אַרמיי, ספּעציעל אויב דער רבי ענטפערט אַזוי 'קאַלט', און ער טוט נישט צוזאָגן אַ ישועה'.

'ווען מיין באָבע, מיין מאַמע'ס מאַמע, די רעביצין פון דעם גאון רבי יעקב מאיר בידערמאַן זצ"ל, האָט געזעהן דעם צער פון מיין מאַמע, איז זי אַריינגעגאַנגען צו איר ברודער און איידים, דעם 'אמרי אמת', און מזכיר געווען איר אייניקל, רבי לייבל, אַז מ'וויל איהם איינרופן אין מיליטער, און אַז איר טאָכטער, די רעביצין פייגא מינטשא,

זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה, 'שנהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה', אַזוי ווי עס שטייט אין ספר 'פלא יועץ' (ערך עצרת) אַז עס איז אַ 'דבר בעתו' זיך אויסצוגיסן דאָס האַרץ אין די יעצטיגע טעג, אַז מ'זאָל זוכה זיין צוזאַמען מיט די קינדער צו די כתר תורה, 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות'.

**גאָר** גרויס איז דער כח פון די תפילה וואָס עלטערן זענען מתפלל אויף זייערע קינדער.

**אַזוי** שרייבט דער 'תנא דבי אליהו' (פי"ח) אַז עס איז געווען אַ כהן אַ ירא שמים באַהאַלטענערהייט, און אַלע זיינע מעשים טובים האָט ער געטוהן באַהאַלטענערהייט. ער האָט געהאַט צען קינדער פון איין פרוי, זעקס זין און פיר טעכטער. יעדן טאָג פלעגט ער מתפלל זיין צום באַשעפער אַז קיין איינער פון זיי זאָל נישט צוקומען צו אַן עבירה ח"ו און צו זעהן עפּעס וואָס טויג נישט ח"ו. האָט מען דערציילט, אַז עס איז אדורך עטליכע יאָר, און עזרא איז געקומען און אַרויפגענומען די אידן פון בבל קיין ארץ ישראל, און יענער כהן איז געווען איינע פון די אידן וואָס זענען אַרויפגעקומען מיט עזרא הסופר, און ביז זיין אַוועקגיין פון דער וועלט האָט ער זוכה געווען צו זעהן כהנים גדולים און 'פרחי כהונה' פון זיינע קינדער און אייניקלעך ביז פופציג יאָר, און דערנאָך איז ער אַוועק פון דער וועלט.

**זעהען** מיר פון דעם ווי יענער כהן האָט זוכה געווען צו אַזאַ ברכה פון הימל, אַלץ דערפאַר ווייל ער האָט אַסאַך מתפלל געווען אויף זיינע קינדער אַז

---

איז 'אויס מענטש' פון צער און עגמת נפש, מורא האָבנדיג ווער ווייסט וואָס ס'וועט זיין דער גורל פון איר זון. האָט דער 'אמרי אמת' איר געזאָגט: ס'איז נישט דאָ וואָס צו זאָרגן, מ'וועט איהם נישט נעמען אין די אַרמיי'...

'שפּעטער, ווען מיין מאַמע האָט געהערט אַז דער רבי האָט צוגעזאָגט פאַר איר מאמע אַז מ'וועט נישט נעמען לייבל'ען אין די אַרמיי, האָט זי זיך געוואונדערט און געפרעגט פון איר הייליגן מאַן, דעם 'אמרי אמת', פאַרוואָס ער האָט איר נישט באַלד געזאָגט די זעלבע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט פאַר זיין שוועסטער, איר מאַמע, און אַזוי וואָלט זי זיך געשפּאָרט אַסאַך צער און עגמת נפש. האָט דער 'אמרי אמת' איר געענטפערט - ווי זיין שטייגער - מיט קורצע ווערטער: **א מאמע דארף וויינען**'...

דער 'פני מנחם' האָט אויסגעפירט די מעשה מיט'ן זאָגן פאַר דעם טאַטן פון דעם חשוב'ן בחור, אַז צוליב דעם האָט ער נישט געוואָלט אויסלויבן פאַר איהם זיין בחור, כדי **ער זאָל ווייטער וויינען און מתפלל זיין אַז זיין זון זאָל זוכה זיין צו האָבן ווייטער אהבת התורה, און ער זאָל שטייגן העכער און העכער בדרכי התורה והיראה.**

דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, האָט געזאָגט ביי די שמחה פון איינע פון זיינע קינדער: גלייבט מיר, אַז יעדן טאָג פאַרגיס איך טרערן אַז דער אויבערשטער זאָל מיר העלפן אַז מיינע קינדער זאָלן שטייגן מעלה מעלה העכער פון מיר, און עס זאָל מקוים ווערן ביי זיי דער פסוק (דברים ל, ה) 'והיטיבך והרבך מאבותיך'. (ספר 'תפילה למשה', ע' טו)

## מן הבאר

דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע פלעגט זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי אַ טאַטע וואָס וויל אַז זיינע קינדער זאָלן וואַקסן אויפ'ן דרך התורה, קען בלייבן מיט טרוקענע אויגן ביי שמונה עשרה. זיין טאַטע, דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער פאַרפעלט נישט אפילו איין 'שמונה עשרה' צו בעטן פאַר זיין זון הרה"ק רבי אהרן, וועלכער איז שוין דאַן געווען מפורסם אַלס אַ 'קדוש עליון'.

- 'ומה נעני אנן אבתריה' - וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן...

אויך האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע געזאָגט, אַז די תפילה פאַר די הצלחה פון די קינדער אין תורה און יראת שמים איז אַזוי הויך, אַז די 'אנשי כנסת הגדולה' האָבן עס נישט אַריינגעשטעלט בפירוש אין די שמונה עשרה, נאָר ברמז (כדי די 'חיצונים' זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן דערין חלילה) אין די ברכה פון 'מודים', ביי די ווערטער 'לדור ודור נודה לך ונספר תהלתך', ווי איינער בעט פון באַשעפער, רבונו של עולם, גיב מיר קינדער וואָס איך זאָל דיך שטענדיג קענען לעבן פאַר זיי...

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, און עס זאָל מקוים זיי זאָלן האָבן הצלחה אין תורה און יראת שמים, און זאָלן זיך פירן אויפ'ן ערליכן וועג[טז].

---

**טז.** דער גאון רבי מיכל יהודה ליפקאָוויץ זצ"ל, לאַנגיאָריגער ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה לצעירים אין בני ברק, האָט געזאָגט, אַז ער האָט זוכה געווען צו לערנען מיט דורות פון תלמידים - טאַטעס, קינדער, און אייניקלעך - און אויך גאַנצע משפחות פון עטליכע ברידער. אין לויף פון די יאָרן, האָט ער געזעהן אַז עס איז דאָ אַמאָל אַ גאַנצע משפחה פון ברידער, וואָס אַלע זענען גאָר גרויסע מוצלחים אין לערנען, אויסער איינער וואָס ער זעהט אויס צו זיין 'שוואַכער' פון די אַנדערע ברידער, אין לערנען אָדער ביי אַנדערע זאַכן, אָבער מיט די יאָרן האָט ער אין אַכט גענומען אַ וואונדערליכע ערשיינונג: דייקא דער 'שוואַכערער' ברודער האָט שפּעטער מצליח געווען מער ווי זיין 'געלונגענע' ברידער אין לערנען (אָדער אין אַן אַנדערע זאַך מיט וועלכן ער האָט זיך באַשעפטיגט). מוז מען על כרחך זאָגן די סיבה דערפון, אַז דאָס איז **אין זכות פון די תפילות און הייסע טרערן וואָס זיינע עלטערן האָבן פאַרגאָסן וועגן איהם**, ווייל געווענליך אויף אַ זון וואָס איז מער 'אומגעלונגען' פאַרגיסט מען טרערן מער ווי אויף די 'געלונגענע' קינדער.

עס האָט אונז דערציילט אַ חשוב'ער איד פון ניו יאָרק, דער מנהל רוחני פון אַ גרויסע תלמוד תורה, אַז ער האָט אַליין געזעהן מיט זיינע אויגן דעם גרויסן כח פון אַ תפילה וואָס עלטערן פאַרגיסן פאַר זייערע קינדער. ומעשה שהיה, כך היה:

אין איין קלאַס אין דער תלמוד תורה, האבן געלערנט צוויי ברידער, צווילינג. זיי זענען אָבער געווען אַנדערש איינער פון אַנדערן. איינער פון זיי איז געווען אַ וואונדערליכער בעל כשרון, פול מיט שמחת החיים. ער האָט געלערנט בהתמדה, און האָט קלאָר פאַרשטאַנען אַלעס וואָס ער האָט געלערנט. ער האָט אַפילו געהאַט אייגענע שיעורים אין דער זייט, און איז ממש געשטיגן העכער און העכער. זיין צווילינג-ברודער, דאַקעגן, איז געווען זייער שוואַך. עס האָבן איהם געפעלט כשרונות און חשקות התורה. זיין מח האָט ממש נישט אויפגעכאַפּט אַפילו פשוט'ע זאַכן... ס'איז געווען אַ גרויסער צער צוצוקוקן ווי שוואַך ער איז אין זיינע לימודים. ספּעציעל אַז נעבן איהם אין דער כיתה איז געזעסן זיין ברודער, וועלכער איז געשטיגן בלי עין הרע, טאָג-טעגליך...

דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען, ביז צוויי וואָכן צוריק (פון דעם טאָג וואָס דער מחנך האָט אונז דערציילט די מעשה). פּלוצלינג, אין אַ העלן טאָג, האָט דער שוואַכער ברודער אָנגעהויבן שטייגן. ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן פאַרשטיין אַלעס וואָס ער לערנט, ממש אויף אַ וואונדערליכן אופן, אַזוי ווי אַ 'זקן ורגיל', גלייך ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן מיט וואונדערליכע כשרונות...

דאָס האָט אַרויסגערופן וואונדער. ס'איז ממש געווען אַ 'חידה סתומה', אַ רעטעניש ביי אַלע זיינע מלמדים און חברים. קיין איינער פון זיינע מלמדים האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס איז אַריינגעקומען די געבענטשטע ענדערונג. ווען דער מנהל האָט באַגעגנט דעם טאַטן פון די קינדער, און ער האָט איהם געפרעגט אויב ער ווייסט אַז דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון זיין צווייטן זון האָט זיך געעפענט, און ער האָט אָנגעהויבן מצליח זיין אין תורה אויף אַ אויסערגעוועגליכן אופן... אויך זיין אַלגעמיינע התנהגות - זיין דאַווענען און יראת שמים - אַלעס האָט זיך וואונדערליך געטוישט. אפשר ווייסט ער ווער עס פאַרדינט 'קרעדיט' דערפאַר...

לכתחילה, האָט דער טאַטע פון די צוויי צווילינג-ברידער, זיך אַרויסגעדרייט פון געבן אַן ענטפער פאַר דעם מנהל. ווען דער מנהל האָט איהם אָבער שטאַרק געבעטן, האָט דער טאַטע מודה געווען, אַז צוויי וואָכן פריער, האָט ער זיך מתבונן געווען אין דעם מצב פון ביידע קינדער, די צווילינג-ברידער, ווי איינער פון זיי שטייגט פון טאָג צו טאָג אין זיינע לימודים, און דער אַנדערער טוט אָפּ'בטל'ען זיינע טעג מיט גאָרנישט. ער שפּירט נישט אַ חשק און אַ טעם אין זיינע לימודים. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן אַלע גוטע עצות פון די מחנכים. האָט דער פאָטער באַשלאָסן, **פון יעצט און ווייטער, צו זאָגן 'ברכת התורה' יעדן טאָג מיט גרויס כוונה, אַריינקוקנדיג אינווייניג אין סידור, און צו זאָגן עס רואיג און געלאַסן**, ווי אַ מענטש וואָס ציילט געלט. ער האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ ביי די ברכה פון 'והערב נא', און געבעטן פון טיפן האַרצן, 'ונהיה אנחנו וצאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה' (ביז דעמאָלס, איז די 'ברכת התורה' געווען פאַר איהם, אַזוי ווי אַ 'תפילת הדרך', אויפ'ן וועג פון זיין הויז צו דער שול...). אַזוי האָט ער געטוהן, און זינט יענעם טאָג, האָט זיך אַלעס געטוישן צום גוטן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס לערנען, און זיך גענומען לערנען מיט גרויס התמדה. דאָס אַלעס, אין זכות פונעם טאַטן'ס 'ברכת התורה'...

ווערן דער פסוק אין דער היינטיגע סדרה, 'ואולך רב עד בלי די"ה, ובא לציון גואל במהרה בימינו אתכם קוממיות'"ז, קיין ארץ ישראל, מתוך שפע אמן.

---

**יז.** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע זאָגט אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כו, טז) 'והפקדתי עליכם בהלה'.

'והפקדתי' איז פון לשון פעלן. איז דאָ מרומז אַ ברכה פאַר אידישע קינדער, אַז דער אויבערשטער וועט מאַכן עס זאָל פעלן פון זיי אַלע סאָרטן בהלות און פחדים, זיי זאָלן זיך נישט געפינען ביי אידן, נאָר עס זאָל הערשן שלום ושלוה.

**יח.** הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויבער זי"ע האָט זיך געפירט צו בענטשן זיינע חסידים מיט עשירות (און ער האָט טאַקע געהאַט רייכע חסידים). אַמאָל האָט דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, איהם געפרעגט, פאַרוואָס איז דער זידיטשויבער רבי אַזוי פאַרנומען מיט בענטשן די חסידים מיט רייכטום. פאַרוואָס בענטשט ער זיי נישט ענדערש מיט יראת שמים? האָט הרה"ק רבי אייזיקל איהם געענטפערט, אין די תפילה פון 'אנא בכח', האָט דער תנא צום ערשט געשטעלט דאָס וואָרט 'ברכם', און דערנאָך 'טהרם', ווייל **צוערשט האָט ער זיי געבענטשט מיט אַ גרויסע שפע פון געלט, און ערשט דערנאָך קען מען אַרבעטן מיט זיי אויף 'טהרם'** - זיי זאָלן זיך פירן בקדושה ובטהרה...

קען מען אפשר צולייגן צו זיינע הייליגע ווערטער, עס ווערט געברענגט פונעם אריז"ל, אַז אין די ספירה-טעג האָט מען נישט אין זינען 'כוונות' ביים דאַווענען, נאָר ביים ציילן ספירה, ווייל אַלע כוונות זענען דאָך 'שליסלען' צו עפענען די טויערן פון שפע אַראָפּצוקומען אויף אונז, אָבער אין די טעג פון די ספירה, עפענען זיך די טויערן פון אַלע הימלען, און עס קומט אַראָפּ אַ גרויסע שפע פאַר אידישע קינדער, און ממילא דאַרף מען דעמאָלס נישט האָבן די 'שליסלען' צו עפענען די טויערן.

קען מען זאָגן אַז 'הא בהא תליא', דערפאַר איז דער אויבערשטער משפיע אויף אונז אַסאַך שפע, כדי מ'זאָל קענען אַרבעטן אויף טהרה, און ס'איז מעגליך אַז צוליב דעם זאָגן מיר 'אנא בכח' אין ספירת העומר, ווייל דאָרט קען מען זעהן - ווי הרה"ק רבי אייזיקל זידיטשויבער זי"ע האָט געזאָגט - אַז צוערשט קומט 'ברכם', און דערנאָך - 'טהרם'...

# ונהיה אנחנו וצאצאינו

עטליכע יאָר צוריק איז פאָרגעקומען די חתונה פון אַ מיידל אַ 'בעלת תשובה'. ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון די חתונה, האָבן די עסקנים געבעטן פון עטליכע נשים צדקניות צו קומען זיך באַטייליגן אין די חתונה, כדי משמח צו זיין די כלה. איינע פון די פרויען וואָס איז געקומען צו די חתונה, האָט געזוכט די מאמע פון די כלה, כדי איר צו ווינטשן 'מזל טוב'. די מאמע פון די כלה איז אָבער נישט געווען צום געפינען... זי האָט איר אַזוי לאַנג געזוכט, ביז זי האָט איר געפונען אין 'קאָך' פונעם זאַל, מיט אַ פאַרזויערטן פנים, פול מיט טענות... ווען מ'האָט איר געפרעגט פאַרוואָס זי איז אַזוי צעטראָגן, ווען איר חשוב'ע טאָכטער האָט חתונה אין אַ מזל'דיגע שעה, האָט די 'עקשנות'דיגע' מאמע געענטפערט: ווי אַזוי קען איך זיך פרייען, ווען מיין טאָכטער די כלה האָט פאַרלאָזט אונזער הויז און אונזער לעבנס-שטייגער, און איז געוואָרן אַ פולשטענדיגע בעלת תשובה. און ווי גרויס איז מיין צער, אַז זי איז נישט די ערשטע, נאָר די דריטע פון מיינע טעכטער וואָס האָבן זיך אומגעקערט צום אידישן וועג...

האָט די פרוי געפרעגט די מוטער פון די כלה, ווי אַזוי האָט עס טאַקע פאַסירט, אַז פון איין 'פרייע' משפחה, האָבן דריי טעכטער אָפּגעלאָזט דעם 'פרייען' לעבנס-שטייגער און זענען געוואָרן אמת'דיגע בעלות תשובה? האָט די מוטער געענטפערט, אַז באמת האָט זי נישט אויף דעם קיין ענטפער... זי האָט אָבער צוגעגעבן, אַז איר גאַנצער 'קשר' מיט די חרדי'שע וועלט באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר צוואַנציג יאָר צוריק האָט זי זיך באַטייליגט אין אַ סעמינאַר פאַר בעלי תשובה, אָבער פאַקטיש, האָבן אַלע דברי חיזוק וואָס זי האָט דאָרט געהערט, נישט געהאַט אויף איר קיין השפעה. זיי זענען נישט אויפגעכאפט געוואָרן אין איר מוח, און האָבן נישט משפיע געווען אויף איר. אזוי רעדנ'דיג האָט זי דערציילט, אַז ביים סוף פונעם סעמינאַר האָט מען געגעבן פאַר יעדן איינעם פון די באַטייליגטע אַ געדרוקט בלעטל, און מ'האָט זיי צוגעזאָגט אַז עס איז אַ גרויסע 'סגולה', געבענטשט צו ווערן מיט אַלע ברכות, אויב מ'זאָגט די ווערטער וואָס שטייען געשריבן אויף יענעם בלעטל. זינט דאַן - האָט זי צוגעגעבן - זאָגט זי יעדן טאָג די ווערטער וואָס שטייען געשריבן אויפ'ן צעטל, כאָטש זי פאַרשטייט נישט אַפילו אַ וואָרט וואָס עס שטייט דאָרט... (די פרוי איז געווען פון אויסלאַנד, און האָט נישט געקענט לשון הקודש).

האָט די פרוי (וואָס איז געקומען משמח זיין די כלה די בעלת תשובה) געפרעגט די מאמע פון די כלה, אויב זי האָט אפשר ביי זיך דאָס בלעטל. האָט זי געענטפערט אַז יאָ, און זי האָט עס אַרויסגענומען פון איר טאַש. דאַן איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער 'סוד'... דאָס בלעטל האָט אַנטהאַלטן די תפילה פונעם של"ה הקדוש, און כאָטש די פרוי האָט, ווי געזאָגט, נישט געוואוסט וואָס דאָרט שטייט - און האָט אַפילו נישט געוואָלט אַז עס זאָל מקוים ווערן ביי איר אַלעס וואָס דאָרטן שטייט געשריבן... - האָט זי זוכה געווען אַז דריי פון אירע קינדער זאָלן תשובה טוהן.

איז דאָך אַ קל וחומר פאַר אונז, וואָס מיר פאַרשטייען דאָך יאָ וואָס עס שטייט אויפ'ן צעטל, אויב מיר וועלן מתפלל זיין ווי ס'דארף צו זיין, וועלן מיר פועל'ן גרויסע ישועות און אַסאַך נחת דקדושה פון אונזערע קינדער און אייניקלעך, אמן.

בס"ד

# הופיע!

חדש!

על
## פרקי אבות

נערך ונלקט
מתוך תוכן
דברי שיחותיו של
מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן שליט"א**




הפצה:
אר"י: 1800-22-55-66
ארה"ב: (718) 437-0054

ניתן להשיג בכל חנויות הספרים